STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05925

A PLEA TO THE UNITED NATIONS

Joseph Aronoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אַראָנאָף

"A PLEA TO THE UNITED NATIONS"

אַ געבעט צו דער יו־ען

מאָנטרעאל, 1955

"A PLEA TO THE UNITED NATIONS"

BY JOSEPH ARONOFF, J.P.

PRINTED IN CANADA

Copyright by

J. ARONOFF, J. P.

November 1954

MONTREAL, CANADA

אינהאַלט

ערשטער טייל

פאָרוואָרט
אַריינפיר
דער יידישער חורבן
אַ געבעט צו דער יונייטעד ניישן׳ס
מדינת - ישראל

צווייטער טייל

50 יאָר אין קאַנאַדע. (ביאָגראַפיע פון מחבר)
געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס
דערינערונגען

יוסף אַראָנאָף

פאָרוואָרט

פריינד י. אַראָנאָף איז אַ באַקאַנטע פערזענלעכקייט אין קאַנאַדער יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיט 50 יאָר צוריק האָט ער אויסגעוואַנדערט פון זיין אַלטער היים אין אייראָפּע און זיך באַזעצט אין קאַנאַדע אין דער שטאָט מאָנטרעאַל. זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער אַלטער היים דורך פירן אַ גרויסע הילפס־טעטיקייט פאַרן אייראָפּעיישן יידנטום. דער חורבן פון אייראָפּעיישן יידנטום האָט אויפגעטרייסלט זיין געוויסן. זיינע פריינד און משפחה זענען אין נאַציש פייער פון שחיטות אומגעבראַכט געוואָרן. אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן האָט ער געזוכט אַ וועג און אַ מיטל עפּעס צו טאָן פאַר דעם יידישן פאָלק. ער האָט אָנגעשריבן אַ ליד צו דער יו־ען, וואָס דריקט אויס דעם באַגער און ביטע צו אָנערקענען די יידישע רעכט צו זיין היסטאָריש לאַנד. פאַר אַ יחיד איז דאָס אַ געוואַגטער שריט און אַ גלענצנדער איינפאַל. אויף זיין ווענדונג האָט ער באַקומען אַן אָפיציעלן ענטפער, אַז די פראַגע וועט באַטראַכט ווערן. אַ חודש שפּעטער, נאָכן דערהאַלטן דעם בריוו, איז די יידן־פראַגע באַטראַכט געוואָרן דורך דער יו־ען און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו אָנערקענען די יידישע רעכט אויף זיין נאַציאָנאַלער היים.

י. אַראָנאָף האָט די גאַנצע צייט געטראַכט ווי אַזוי אויסצודריקן אַ דאַנק צו דער יו־ען און אויך צו די פאַרשטייער פון דער קאַנאַדער רעגירונג, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן דורכצופירן דעם היסטאָרישן באַשלוס.

דער רעזולטאַט פון דעם טראַכטן איז דאָס דאָזיקע בוך. די אַרבעט איז אַ נאַציאָנאַלער חשבון־הנפש פון אַ נאַציאָנאַל געשטימטן ייד, וואָס האָט גייסטיק איבערגעלעבט די צווייטע וועלט־מלחמה, דעם גרויל פון דער חורבן־עפּאָכע, די שטרעבונג און דערוואַרטונג פון לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם דורך דער יו־ען און די פרייד פון דער אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל. דאָס זענען אייגנטלעך די דריי קאַפּיטלען פון דער ערשטער טייל פון דעם בוך. די צווייטע טייל פון בוך באַפאַסט זיך וועגן מחברס 50 יאָר טעטיקייט אין מאָנטרעאַל.

דער אינהאַלט פון בוך איז פון גרויסער חשיבות און איז אַ ביישטייער צו דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. פון מעטאָדאָלאָגישן שטאַנדפּונקט דערגייט דאָס בוך צו דער העכסטער פּערפעקציע. דאָס באַווייזט, אַז דער מחבר האָט פיל אָנשטרענגונגען, מי און אַרבעט פאַרווענדט פאַר דעם בוך.

זאָל דעריבער זיין אַרבעט, מי און אָנשטרענגונג געקרוינט ווערן מיטן גרעסטן דערפאָלג.

דר. עיבי איליוויץ

אַריינפיר

דאָס בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין פופציק־יאָריקן יובילעאום פון אָנקומען קיין קאַנאַדע. מיט פופציק יאָר צוריק האָב איך פאַרלאָזט מיין אַלטע היים און דורך פאַרשידענע וואַנדערונגען אָנגעקומען אין דעם פרייען דעמאָקראַטישן לאַנד קאַנאַדע. די גאַנצע צייט בין איך מיט אַלע פעדעם פון מיין האַרצן געווען פאַרבונדן מיט דער אַלטער היים, וואָס איז געווען דער צענטער פון יידישע טרוימען, באַגערן און האָפענונגען.

די גשעענישן אין לויף פון די פופציק יאָר האָבן צעטרייסלט די פונדאַמענטן פון יידישן לעבן אין דער אַלטער היים. אין אַ סביבה פון האַס, שנאה, פאַרפאָלגונגען און פאָגראָמען האָט דאָס יידנטום, אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, געלויכטן ווי זוניקע, גייסטיקע שטראַלן פאַרן וועלט־יידנטום אויף אַלע געביטן. די אַלטע היים איז געווען דער צענטער פון יידישער חכמה, וויסן, ליטעראַטור, קונסט און אין די ערשטע רייע האָבן זיך אַנטוויקלט אַלע אידעען, וואָס האָבן געזוכט אַ תיקון פאַרן יידישן גייסטיקן און פיזישן קיום.

די צווייטע וועלט־מלחמה, דער גרויל פון דער מענטשהייט, דאָס פינסטערע און ביטערע קאַפּיטל, וואָס דער נאַציזם האָט פאַראורזאַכט, האָט צעשטערט דאָס יידישע לעבן אין דער אַלטער היים. פאַרניכטעט און צעשטערט ישובים אין אַ גאַנצע רייע לענדער, וואָס האָבן מיט זיך רעפּרעזענטירט אַ טויזנט־יאָריקע יידישע געשיכטע, יידישע טראַדיציעס, יידיש רעליגיעז און קולטורעל לעבן, יידשע טרוימען, באַגערן און האָפנונגען זענען מיט דער גרעסטער בייזוויליקייט, רציחות, שחיטות, מאַסן־מאָרדן אומגעבראַכט געוואָרן. דאָס יידישע לעבן פון זקנים, מענער, פרויען און קינדער זענען אין מעכאַניזירטע גאַז־אויוונס פאַרברענט געוואָרן און נאָכהער אין וויסטע קרעמאַטאָריום פייערן פאַרברענט געוואָרן.

גלייך ווי די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, בין איך באַהערשט געוואָרן פון געפילן פון מורא און שרעק איבערן גורל פון אייראָפּעיישן יידנטום. די ווירקלעכקייט פון דעם גרויסן חורבן פון יידישן פאָלק האָט איבערגעשטיגן יעדע טרויעריקסטע און שוואַרצסטע פאַרשטעלונג. די ציפער פון זעקס מיליאָן קדושים אומגעקומענע על קדוש השם ועל קדוש העם איז דער טראַגישער בילאַנס פון דער חורבן־עפּאָכע.

דער גרויליקער קאָשמאַר, וואָס האָט אויפגעשוידערט מיין געוויסן אין דער צייט פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג אין דער ריכטיקייט פון ציוניסטן געדאַנק, אַז יידן מוזן איינמאָל פאַר אַלעמאָל שאַפן פאַר זיך אַ נאַציאָנאַלע היים. יידיש לעבן טאָר נישט

און קען נישט זיין אויסגעשטעלט אויף נסיונות און קאַפּריזן פון בעסטיאַלע הערשער. דאָס האָט מיך באַוויגן אָנצושרייבן אַ בקשה, אין דער פאָרם פון אַ ליד, צו דער יו־ען, אַז זי זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנערקענען, אַז יידן זענען אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער גלייך און האָבן דאָס רעכט זיך אויסצולעבן זייער אייגנאַרטיק לעבן פון נאַציאָנאַלן, רעליגיעזן און קולטורעלן שטאַנדפּונקט.

אין דעם טעקסט פון בוך גיב איך אָן דאָס ליד און אויך דעם אָפיציעלן ענטפער, וואָס איך האָב באַקומען פון דער יו־ען, דאָס הייסט פון דער וועלט־אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער.

זאָל מיין באַשיידענער בייטראָג אויף דעם געביט דינען אַלס היסטאָרישער דאָקומענט פאַר כל ישראל און עם־ישראל.

זאָל די נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, דאָס הייסט, פון דער מינוט ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מדינה, זיך פאַרוואַנדלען אין אַ לויכטנדער זון, וואָס זאָל שיינען מיט אייביקע שטראַלן און פאַרווירקלעכן די אידעע פון נצח ישראל.

מיט די געפילן גיב איך איבער דאָס בוך, אין די הענט פון די לייענער, וואָס אַנטהאַלט אַן אָביעקטיוון היסטאָרישן איבערבליק פון יידישן חורבן, געראַנגל, קאַמף און אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה.

מיין גרויסע אָנערקענונג צו דער יו־ען, אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, פאַרן אָננעמען דעם באַשלוס דעם 27טן נאָוועמבער, 1947, צו גרינדן די יידישע מדינה און אַלס לאָיאַלער קאַנאַדער בירגער, דריקט איך אויס מיין האַרציקסט אָנערקענונג צו די צוויי נאָבעלע פּערזענלעכקייטן: האָנאָראַבל אילזלי און האָנאָראַבל פּירסאָן פאַר פאַרטיידיקן דעם יידישן שטאַנדפּונקט פון גרינדן מדינת־ישראל.

דער מחבר

קאַפּיטל 1

דער יידישער חורבן

דער אָנהויב פון דער יידישער טראַגעדיע אין אייראָפּע דאַטירט זיך פון דעם מאָמענט ווען די נאַציס זענען געוואָרן אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין דייטשלאַנד און באַהערשט די מאַכט.

דער 30טער יאַנואַר, 1933, דאָס איז די דאַטע ווען היטלער האָט באַהערשט די מאַכט אין דייטשלאַנד. דאָס איז אַ דאַטע ווי אַ שוואַרצער פאַרהאַנג, וואָס האָט פאַרשטעלט די ליכטיקע שטראַלן פון דער זון, אַ דאַטע, וואָס איז דער אָנהויב פון צוואַנג און טעראָר, אַ דאַטע פון אומזיכערקייט צו די עלעמענטאַרסטע רעכטן פון פערזענלעכער פרייהייט.

דער נאַציזם איז אַ ווילדער אַרויסוווּקס פון דייטשישן פּאַן־גערמאַניזם, פון וועלן באַהערשן גאַנץ אייראָפּע, אונטעריאָכן די פעלקער און אין דער ערשטער רייע אויף אַ גרויזאַמען אופן פאַרניכטן און אומברענגען דאָס אייראָפּעיִשע אידנטום.

די נאַצישע פּלענער זענען נישט ערנסט גענומען געוואָרן דורך דער וועלט, ווייל קיינער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען די מענטשלעכע קולטור און טעכניק האָט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון אַנטוויקלונג, זאָל געמאָלט זיין אַזאַ רעגרעס צו באַרבאַריזם אין די ערגסטע פאָרמען פון די ווילדסטע שבטים אין די פאַרהיסטאָרישע צייטן.

וואָס מער די דייטשן האָבן זיך איינגערעדט און אַנדערע געוואָלט דערמיט פאַרטושן, אַז זיי זענען די רעפּרעזענטאַנטן פון דער נאָרדישער ראַסע און אויך די פאַרשטייער פון דער אייראָפּעיִשער קולטור, אַלץ מער זענען זיי דעגענערירט געוואָרן, ווערנדיק די רעפּרעזענטאַנטן פון מאָרד און רויב, פאַרניכטונג און צעשטערונג פון מענטשלעכע לעבנס און מאַטעריעלע פאַרמעגנס.

נאָכדעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט און איינגעפלאַנצט אין מיליאָנען דייטשישע מוחות שנאה און האַס צום יידישן פאָלק, איז געוואָרן אומגעלעגט פאַר יידן צו לעבן אין דייטשלאַנד און אויך אין אַנדערע אייראָפּעיִשע לענדער, וואו דער ברוטאַלער אַנטיסעמיטיזם, אונטערן דייטשן איינפלוס, האָט אויפגעוואַקסט און אָנגענומען אַגרעסיווע פאָרמען.

די לאַגע האָט געצוווּנגען, אַז די יידן, וואָס האָבן געהאַט די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן און די קלענסטע שאַנסן צו אַנטלויפן פון היטלערס גהינום, זאָלן זיך לאָזן אין אַ וואַנדער־וועג צו זוכן אַ פריי אָרט אין דער וועלט.

דער רעזולטאַט פון דער סיטואַציע איז געווען, אַז שיפן מיט היימלאָזע יידן האָבן געוואַגלט איבער די ימען און קיין שום מדינה האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען. די גאַנצע טראַגישקייט פון יידישער היימלאָזיקייט און באַדנלאָזיקייט איז אין דער פאַרצווייפלטער פאָרם געקומען צום אויסדרוק.

וועגן דעם האָט ה. לאַנג געשריבן אַן אַרטיקל אונטערן טיטל: „22 שיפן מיט היימלאָזע יידן וואַגלען אַרום אויף אַלע ימען". וועגן די וואַנדערער אויף די שיפן, וואָס זוכען אַן אָרט אויף דער וועלט האָבן די אַמעריקאַנער קרייזן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע פאַר פליכטלינגע דערקלערט, אַז אַ צאָל „אומלעגאַלע" שיפן וואַנדערן אַרום אין די ימען פון אַלע וועלט טיילן. פאַרוואָס זענען די שיפן און זייערע פאַסאַזשירן „אומלעגאַל"? „אומלעגאַל" דערפאַר, ווייל די שיפן האָבן אויף זיך יידישע וואַנדערער אָן אַ באַשטימטן ציל וואו זיך אַפּצושטעלן. אַ צאָל וואַנדערער האָבן געהאַט אַ ציל, האָבן געהאַט וויזעס, פאַרשידענע פעסער און דאָקומענטן, וואָס האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז אַזוי גיך ווי די שיף וועט אַריינשווימען אין דעם אָדער אין אַן אַנדערן פּאָרט, וועלן זיי געפינען רו און מנוחה אין אַ לאַנד און האָבן אַ באָדן אונטער די פיס. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס איז געווען אַן אילוזיע און אַן איינרעדעניש. די מאַכט־אָרגאַנען אין די פּאָרטן לאָזן נישט אַראָפּ די וואַנדערער פון די שיפן. נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט פאַר אַ רעטונגס־פּלאַן. צוריקפאָרן, אָדער פּרובירן מזל אין אַן אַנדערן פּאָרט. צוויי און צוואַנציק שיפן מיט יידישע וואַנדערער האָבן געוואַגלט איבער די ימען פון דער וועלט און קיין שום לאַנד האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט.

די פליכטלינג־טראַגעדיע איז נישט געווען די טראַגעדיע נאָר פון די היימלאָזע. עס איז געווען די טראַגעדיע פון גאַנצן פאָלק ישראל.

אויב שיפן איז געלונגען ערגעץ ווו צו לאַנדן, איז דאָס געווען אין ישראל, ווי דער ביישפּיל פון דער שיף סט. לואיס.

דער היטלעריזם האָט די יידן אין די אייראָפּעיישע לענדער געמאַכט נע־ונד. וואַגלערס און וואַנדערערס, וואָס זוכן אַ תיקון.

נאָך לאַנג פאָרן אויסברוך פון דער מלחמה האָט היטלער געמאַכט אַן אָנגריף אויפן יידישן גייסטיקן לעבן. דער אינסטיטוט פאַר יידישע ענינים שרייבט וועגן דעם פאָלגנדעס. אין דעם פּאָגראָם אין נאָוועמבער 1938 זענען אין דייטשלאַנד צעשטערט און פאַרברענט געוואָרן איבער 400 שולן און בתי־מדרשים. לויט אַנדערע חשבונות דערגרייכט די צאָל פאַרברענטע און צעשטערטע שולן ביז 520. צווישן די חרובע שולן זיינען געווען נישט בלויז פּרעכטיקע מאָדערנע געביידעס, נאָר אויך די עלטסטע און פאַרהייליקטע

שולן אין דייטשלאַנד. דער ערשטער חורבן איז געמאַכט געוואָרן אין מיכבן נאָר אין פּריילינג 1938. נאָכדעם איז געקומען נירנבערג, ווו שטרייכער האָט פאַרוואַנדלט די צעשטערונג פון דער שול אין אַן עפנטלעכן נאַציִשן יום־טוב. די שרפות און צעשטערונגען פון נאָוועמבער 1938 זענען דורכגעפירט געוואָרן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן אונטער דער אויפזיכט פון דער נאַציִשער פּאָליציי און שטורם־טרופּן אָפּטיילונגען. אין פיל פאַלן זענען יידן אַליין געצוואונגען געוואָרן אונטערצוצינדן די שולן און די וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן זענען געהאַנגען אָדער פאַרפּייניקט געוואָרען. די צאָל שולן, וואָס זענען חרוב געוואָרן אין ווין האָט דערגרייכט ביז 18 און אין פראַנקפורט־אַם־מיין 5. דער גרעסטער וואַנדאַליזם איז געווען דער חורבן פון דער אַלטער יידישער שול אין וואָרמס, די אַזוי־גערופענע רש״י שול, וועלכע האָט עקזיסטירט שוין אין יאָר 1034. אויסער די אַלטע פאַרהייליקטע ספר־תורות און אַלטע באַצירטע סדורים און מחזורים האָט די שול אויך באַהאַלטן אַ גרעסערע צאָל היסטאָרישע דאָקומענטן. דאָרט איז אויך געשטאַנען רש״יס שטול און טיש. נאָך דעם חורבן פון די אַלע שולן האָט די נאַציִשע רעגירונג, דעם 12טן נאָוועמבער 1938, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די יידן מוזן אויף זייער אייגענעם חשבון אויפרוימען די חורבות. די אַסעקוראַציע אויף די געביידעס איז קאָנפיסקירט געוואָרן פון דער רעגירונג.

אויף אַ מער גרויזאַמערן אופן איז פאָרגעקומען די פאַרניכטונג פון די שולן אין פוילן. די נאַציס האָבן פאַרנומען פוילן אין דער ימים־נוראים צייט פון יאָר 1939. אין אַ סך שטעט זענען די שולן פאַרברענט געוואָרן אין ראָש־השנה און יום־כפור. אין אייניקע שטעטלעך זענען די מתפללים מיט די שולן פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. די פאַרניכטונג פון די שולן אין אָקופּירטן פוילן איז דורכגעפירט געוואָרן אויף דעם זעלבן באַרבאַרישן אופן ווי די פאַרניכטונג אין דייטשלאַנד אין יאָר 1938. די טיילן פון פוילן, וואָס די נאַציס האָבן אַנגעשלאָסן צו דייטשלאַנד, איז קיין איין שול־בנין נישט געבליבן. שולן פון היסטאָרישער חשיבות זענען פאַרניכטעט געוואָרן אין טשענסטאָכאָוו, לאָדזש, קאַליש, בענדין, סאָסנאָוויעץ און אין דער גאַנצער פּויזנער געגנט.

אין די שטעטלעך מיעלעץ, דינאָוו, משטשאָנאָוו, פּאַלזנאַ און טאַרנאָוו זענען די מתפללים פאַרברענט געוואָרן מיט די שולן. אין יום־כפור איז פאַרברענט געוואָרן די שול אין וולאָצלאַוועק און נאָכדעם זענען 25 יידן געצוווּנגען געוואָרן זיך „מודה צו זיין״, אַז דאָס האָבן זיי געטאָן, אַז זיי האָבן פאַרברענט די שול.

צוזאַמען מיטן פאַרברענען די שולן און בתי־מדרשים זענען געשענדעט און פאַרברענט געוואָרן די ספר־תורות.

פאַרנעמענדיק פראַנקרייך האָבן די נאַציס דעם דריטן אָקטאָבער, 1941, מיט באָמבעס אויפגעריסן זעקס סינאַגאָגן אין פאַריז. אין בעהמען, באַזונדערס אין פראַג, האָבן זיך די טשעכן אַנטקעגנגעשטעלט דעם חורבן פון די שולן. אין סלאָוואַקיע, דאַקעגן, זענען 17 שולן חרוב געוואָרן. אין רומעניע איז אין יאַנואַר, 1941, פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם. דער אָנהויב פון פּאָגראָם איז געווען דאָס פאַרניכטן די שולן.

מיטן ציל צו פאַרניכטן די יידישע אמונה און יידישע קולטור, האָבן די נאַציס צעשטערט און פאַרברענט יידישע ספרים. די גרויסע יידישע ביבליאָטעקן זענען קאָנפיסקירט און צוגענומען געוואָרן. די ספרים אין די בתי־מדרשים זענען צעראַבירט געוואָרן און אין מערסטע פאַלן פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די שולן.

אַלע גרויסע יידישע ביבליאָטעקן אין דייטשלאַנד און פּוילן און נעמליך: אין האַמבורג, בערלין, ברעסלאַו און די ביבליאָטעק פון דער וואַרשעווער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע 13, וואָס האָט געהאַט אויסער 30 טויזנט בענדער, אויך זעלטענע מאַנוסקריפּטן און אויך די וועלט באַרימטע סטראַשון־ביבליאָטעק אין ווילנע און אַלע אַנדערע זענען קאָנפיסקירט געוואָרן דורך די נאַציס און פאַרשלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד.

אומעטום ווו די דייטשישע־נאַצישע חיילות האָבן באַטרעטן די ערד, האָבן זיי מיט זיך געטראָגן טויט און פאַרניכטונג.

די ערשטע קרבנות זענען געפאַלן פון די מלחמה־אָפּעראַציעס גופא. דאָס זענען געווען די באָמבעס, וואָס די דייטשן האָבן געוואָרפן אויף אומבאַוואָפנטע שטעט און שטעטלעך און די באַפעלקערונג האָט נישט געהאַט קיין שום מעגליכקייט פון באַשיצן זיך קעגן די טויט־משחיתים פון די דייטשישע מלחמה־אָנגרייפער. אין דער פאַרניכטונגס־מלחמה, אדער ווי מען האָט זי גערופן ,,בליץ־קריג'' איז נישט געווען קיין שום אונטערשיד צווישן יידן און דער לאַנדס־באַפעלקערונג. דער פאַרניכטונגס־פייער פון די באָמבעס האָט קיינעם נישט געשוינט און קיינעם נישט אָנגעפרעגט וועגן נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט.

מיטן מאָמענט ווען די נאַציס האָבן מיליטעריש באַזיגט אַ לאַנד און עס אָקופּירט, האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ סעגרעגאַציע פון דער באַפעלקערונג: אויף יידן און אַריער.

די סעגרעגאַציע איז אַדורכגעפירט געוואָרן אויפן סמך פון אַ דעקרעט,

וואָס האָט געצוווּנגען די יידן צו טראָגן שאַנד־צייכנס. דער שאַנד־צייכן איז באַשטאַנען פון אַ ווייסן אַרעם־באַנד מיט אַ בלויען מגן־דוד. עס איז אויך געווען אַן אַנדער צייכן, דאָס זענען געווען געלע לאַטעס, וואָס יידן זענען געווען געצוואונגען צו טראָגן אויף דער ברוסט און אויף דער פּלייצע מיטן אויפשריפט „יודע״. אויך אויף די יידישע געשעפטן האָבן געמוזט זיין צייכנס.

דער ציל פון די שאַנד־צייכנס איז געווען דער, אַז די דייטשן זאָלן וויסן וועמען צו באַפאַלן, כאַפּן צו אומבאַלוינטער צוואַנגס־אַרבעט, ראַבירן און פּאַגראַמירן.

ווי אַ האָגל האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פאַרשידנאַרטיקע באַגרענעצונגען לגבי יידן. יידיש האָב און גוטס איז קאָנפיסקירט געוואָרן און צעראַבירט געוואָרן און יידיש לעבן איז געוואָרן הפקר.

דאָס איינפירן די געטאָס איז געווען געצילט אָפּצוזונדערן די יידן פון דער לאַנדס־באַפעלקערונג, פאַראורזאַכן הונגער, נויט, עפּידעמיעס און לסוף אויסמאָרדן דורך די מאַסן־עקזעקוציעס און שקלאַפישער אַרבעט אין די לאַגערן.

דער קלימאַקס פון יידן־מאָרד זענען געווען די טויט־לאַגערן.

בלויז אין פּוילן זענען געווען זעקס טויט־לאַגערן.

דער שוידערלעכסטער פאַרניכטונגס־לאַגער איז געווען אָשוויענטשים. דאָרטן זענען אומגעבראַכט געוואָרן 6 מיליאָן מענטשן. צווישען זיי יידן, כמעט פון אַלע אייראָפּעישע לענדער, און נעמליך: פון דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, גריכנלאַנד, יוגאָסלאַוויע, פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע, איטאַליע, נאָרוועגיע און אויך אַ קליינע צאָל פּוילישע יידן. די מערהייט פון פּוילישן יידנטום איז אומגעבראַכט געוואָרן אין די אַנדערע פינף טויט־לאַגערן אויף דער פּוילישער טעריטאָריע: בעלזשיץ, סאָביבאָר, כעלמנאָ, מאַידאַנעק און טרעבלינקע.

דער ערשטער אָפיציעלער באַריכט וועגן אָשוויענטשימער טויט־לאַגער, פאַרעפנטלעכט דורך מאַיאָר ז. קאַץ און מאַיאָר מ. טאַלאַלאַיעווסקי, גיט אַ גענוי בילד וועגן דעם, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען. זיי שרייבן:

„מיר זענען געפאָרן קיין אָשוויענטשים מיטן געפיל, אַז מיר וועלן דאָ געפינען אַ צווייטן מאַידאַנעק, ווייל מיר האָבן באַטראַכט מאַידאַנעק פאַרן סאַמע קלימאַקס פון דייטשישער בעסטיאַליטעט.

צעמענטענע זיילן, איבער וועלכע עס זענען געווען פאַרוואָרפן עלעקטרי־פיצירטע דראָטן און צאַמען פון שטעכיק דראָט, האָבן זיך געצויגן פאַרבייטראָגן פאַר אונזער לויפנדיקן אויטאָ פון ביידע זייטן וועג. יעדע פּופּציק מעטער האָט

דאָס אויג געכאַפּט אַ בליק אויף אַ וואַך־טורעם. הינטער אַ טאָפּלטער צוים שטעכיק דראָט שטעקן זיך ענדלאָזע רייען גרוי־גרינע באַראַקן. נעמסט באַגרייפן, אַז אָשוויענטשים איז ניט אַ צווייטער מאַידאַנעק, נאָר מאַידאַנעק איז אַ בלאַסע אימיטאַציע פון אָשוויענטשים.

מיר פאָרן כמעט אַן אַן ענדע פאַרביי צוימען פון שטעכיק דראָט — צווייפאַכע, דרייפאַכע צוימען און וואָס נענטער — און וואָס נענטער מיר קומען צו דער שטאָט, אַלץ שטאַרקער ווערט דער איבלדיקער, שטינקענדיקער ריח פון ברענענדיק פליייש.

דער טויט האָט געלאָזט אַ חותם אויף דער שטאָט.

אָנקומענדיק אין שטאָט האָבן מיר בלויז באַדאַרפט אַ קוק טאָן צו איבערצייגן זיך, אַז דער פאַקט וואָס זי איז אַזוי נאָנט צום טויט־לאַגער האָט אויף דער שטאָט אַליין אויך געלאָזט אַ טויט־חותם. די גאַסן זענען פאַרלאָזט. פענצטער זענען פאַרשלאָגן. מיר גייען פאַרביי דאָס ראַטהויז אינמיטן שטאָט און צוויי קאַטוילישע קלויסטערס זענען פאַרזיגלט און פאַרשלאָסן. אַלץ אַרום איז גרוי. ניט בלויז די פעלדער אַרום און אַרום, נאָר אַפילו די אַלטע פוילישע שטאָט אַליין איז באַדעקט געוואָרן מיט אַש פון פאַרקוילטע מענטשן.

די טויט־פאַבריק האָט זיך אָנגעהויבן בויען אויף אַ גיגאַנטישן פאַרנעם אין יאָר 1940. די שטאָט אָשוויענטשים האָט זיך מיטאַמאָל געפונען אין סאַמע צענטער פון אַ גאַנצער נעץ לאַגערן. דער שטח אויף וועלכן די לאַגערן האָבן זיך געפונען איז אַרום זעכציק קוואַדראַט קילאָמעטער. איבער זעקס טויזנט באַראַקן זענען אויסגעבויט געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פון טויט־לאַגער.

זעקס מיליאָן מענטשן אומגעבראַכט אין פינף יאָר

צוערשט קלינגט עס ממש אומגלויבלעך, אַז עס זאָל האָבן מעגלעך געווען אויסצובויען אַזאַ ריזיקן לאַגער אין אַזאַ קורצער צייט. מען הערט זיך אָבער אויף צו וווּנדערן, ווען מען דערוויסט זיך, אַז עס האָבן זיך קיינמאָל ניט געפונען ווייניקער פון צוויי הונדערט טויזנט מענטשן. אין פינף יאָר צייט זענען דאָ אומגעבראַכט געוואָרן כמעט זעקס מיליאָן מענטשן, הערט מען זיך אויף צו וווּנדערן אויפן גיגאַנטישן בוי־מאַסשטאַב אין אָט דעם דאָזיקן טויט־טראַסט. וואָס פאַר אַ וויכטיק אָרט אָשוויענטשים האָט פאַרנומען אין היטלעריסטישן סיסטעם פון אויסראָטן די פרייהייט־ליבנדע מענטשן פון אייראָפּע קען מען זען דערפון, וואָס צוויי מאָל אין דעם זומער פון יאָר 1943 האָט היינריך הימלער פערזענלעך באַזוכט דעם טויט־לאַגער. ביי יעדן זיין

באזונדער זענען געלייגט געוואָרן נייע פונדאַמענטן פאַר נייע פאַרבעסערטע קרעמאַטאָריעס צו פאַרברענען מענטשלעכע קערפּערס.

אין בוי פון אַשוויענטשימער טויט־לאַגער שפּיגלט זיך אָפּ דער דייטשישער שטריך: אָרגאַניזאַציע, בלוטדורשטיקייט, גרויזאַמקייט און פּעדאַנטישקייט. אַלץ איז זער פּרעציזיש פּלאַנירט געוואָרן. עס איז ניט געווען קיין געאיילטע אַרבעט. די דייטשן האָבן געהאַט אין זינען צוויי זאַכן: שאַפן די בעסטע באַדינגונגען פאַר די הענקער און די סאַמע ערגסטע פאַר די שקלאַפן. די אומגליקלעכע שקלאַפן זענען אָפּגעצוימט געוואָרן פון דער וועלט נישט נאָר דורך שטעכיק דראָט, נאָר אויך דורך אַ נעץ פון עלעקטריש־געשפּאַנטן דראָט. די באַראַקן פאַר די שקלאַפן זענען געווען כמעט אָן פענצטער. די ס.ס.־לייט, דאַקעגן, האָבן געוווינט אין שלאָפצימערן, וואָס זענען געווען איינגעאָרדנט מיטן שענסטן מעבל און אַפילו די וואַך־טורעמס זענען געבויט געוואָרן מיט אַן אויג פון קאָמפאָרט. דער אויבערשטער טייל פון יעדן וואַך־טורעם איז אינגאַנצן געווען פון גלאָז. נעבן דער מאַשין־געווער פּלאַטפאָרם איז איינגע־אָרדנט געוואָרן אַ שטאַרקער שיינוואַרפער. אונטן איז אַן אַפּרו־צימער, אַ וואַש־צימער און אַפילו אַ קליינע עלעקטרישע קיך.

נישט אומזיסט האָט די געסטאַפּאָ שטאַלצירט מיט אַשוויענטשים און עס גערופן „שטאָט־לאַגער". די לאַגערן אין מאַידאַנעק, טרעבלינקע, יאַנאָוו און הונדערטער אַנדערע קלענערע טויט־לאַגערן זענען געווען געבויט אויפן מוסטער פון אַשוויענטשים.

דער טויטן־לאַגער אַשוויענטשים האָט זיך אָנגעהויבן בויען אין פרילינג 1940. דאָס שטעטל האָט געהאַט ביי צוועלף טויזנט איינוווינער, דערפון עטלעכע טויזנט יידן, וואָס זענען אין די יאָרן 1941—1943 אויסגעהרגעט געוואָרן דורך די דייטשן. די גאַנצע ציווילע באַפעלקערונג פון דעם שטעטל איז עוואַקואירט געוואָרן.

אין אויגוסט 1940 איז שוין אַ צאָל באַראַקן געווען פאַרטיק און אַ סקלאַד אַלס קרעמאַטאָריום. אין דעם סקלאַד זענען פאַרברענט געוואָרן די קערפּערס פון די אַרעסטאַנטן, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן, אָדער פאַרפייניקט געוואָרן פון הונגער און שקלאַפישער אַרבעט.

מיט דעם סיסטעם זענען די נאַצי־דייטשן נישט געווען צופרידן. סיי דער סיסטעם פון טויטן און פאַרברענען האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַ צו לאַנגזאַמען, דעריבער האָבן זיי אָנגעהויבן שאַפן פּלענער פון אַ מאַסנהאַפטן סיסטעם פון מאָרדן און פאַרברענען.

דער אונטערשאַרפירער, אולמער, האָט אַנגעצייכנט אַ פּלאַן פאַר אַ נייער קרעמאַטאָריע, אויסגעשטאַט מיט 12 אויוונס מיט אַ גאַז־קאַמער אויפן הויפּט־גאַרן.

היטלער און הימלער האָבן סכדר געגעבן באַפעלן, אַז די מאָרד־אַרבעט זאָל סיסטעמאַטיש פאַרשנעלערט ווערן. עס זענען כסדר פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל גאַז־אויוונס און קרעמאַטאָריעס.

אין די אַרבעטס־לאַגערן, וואָס די היטלעריסטן האָבן אויפגעבויט נעבן טויט־לאַגער, זענען הונדערטער טויזנטער אַרבעטער, אויסגעוואָרצלטע פון זייערע היים־לענדער, געצוווּנגען געוואָרן צו בויען אַמוניציע־פאַבריקן, כעמישע און מעטאַלורגישע. דער לאַגער אין וועלכן די שקלאַפן־אַרבעטער האָבן געוווינט האָט זיך זער ווייניק אונטערשידן פון טויט־לאַגער. די זעלבע גרוי־גרינע באַראַקן. די זעלבע צוימען פון שטעכיקן דראָט, די זעלבע וואַך־טורעמס. די נאָענטקייט פון די לאַגערן צו די דייטשישע אַמוניציע־פאַבריקן איז געווען פון סטראַטעגישער באַדייטונג, ווייל די פאַרוואַלטער פון די פאַבריקן האָבן צו יעדער צייט געקענט אַרויספאָדערן פון די לאַגערן אַרבעטער וויפל זיי האָבן נאָר געוואָלט.

די מאָרד־טעכניק אין אָשוויענטשימער טויטן־לאַגער

די אויוונס זענען געבויט געוואָרן לויט אולמערס פּלענער אין יאָר 1942. די ערשטע דריי קרעמאַטאָריעס זענען געבויט געוואָרן מיט צוועלף אויוונס יעדע. אין 1943 איז אויסגעבויט געוואָרן אַ קרעמאַטאָריע מיט פופצן אויוונס. די גאַז־קאַמערן זענען געווען אונטער די אויוונס. נאָכדעם ווי די קרבנות זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך פאַרגאַזן, נאָכן פאַרגאַזן זענען די טויטע קערפּערס מיט עלעווייטאָרס אַרויפגעשיקט געוואָרן צום פאַרברענען. די קרעמאַטאָריע־אויוונס זענען פּראָדוצירט געוואָרן אין בערלין דורך דער פירמע א. ע. ג.

די קרעמאַטאָריעס האָבן פאַרברענט 500—400 מענטשן יעדע צוואַנציק מינוט.

די קרעמאַטאָריעס האָבן געברענט אָן אויפהער בייטאָג און ביינאַכט מיט אַ קראַפט פון 1400 צעלזיוס גראַד. דאָס פייער איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז פלאַמען פייער האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך די קוימענס צו די הויכקייטן פון הימל. די לופט אין גאַנץ אָשוויענטשים איז געווען פאַרסמט פון פאַרקוילט מענטשלעך פלייש.

ווידערשטאַנד

אין דער אַטמאָספערע פון שקלאַפן־אַרבעט, טויט, פאַרוויסטונג און פאַרניכטונג האָבן זיך אין אַלע טויט ־ לאַגערן אָרגאַניזירט אונטערגרונט ־ אָרגאַניזאַציעס צום קאַמף קעגן די נאַצי־הענקער. אין אַ גרויסן פאַרנעם זענען פאָרגעקומען אויפשטאַנדן אין די טויט־לאַגערן טרעבלינקע און בעלזשעץ.

אין די געטאָס זענען פאָרגעקומען פאַרבערייטונגען פון די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך גערופן: „יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע". אין ווילנע האָט זיך גערופן די אָרגאַניזאַציע „פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע" און אין קאָוונע „מסדה".

אויפשטאַנדן זענען פאָרגעקומען אין אַ גאַנצע רייע געטאָס און נעמלעך: ווילנע, ביאַליסטאָק, טשענסטאָכאָוו און דאָס ערשטע אָרט אין די אויפשטאַנדן פאַרנעמט דאָס וואַרשעווער געטאָ.

דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז איינע פון די פענאָמענאַלסטע געשעענישן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און אין דער געשיכטע פון די אונטעריאָכטע פעלקער אין אייראָפּע, אונטער דער אָקופּאַציע פון נאַצי־רעזשים.

דאָס וואַרשעווער געטאָ, איזאָלירט פון דער גאַנצער וועלט און פון דער אייגענער סביבה, פון דער לאַנדעס־באַפעלקערונג, דורך דיקע געטאָ־מויערן, האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן אַ מעכטיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געקעמפט קעגן דעם נאַצישן שונא, וואָס האָט באַזיגט גאַנצע אַרמייען און לענדער.

דער וואַרשעווער אויפשטאַנד איז אַן אויסדרוק פון יידישער נאַציאָנאַלער אחריות און יידישן געוויסן.

דער הויפט־קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד מרדכי אַנילעוויטש האָט באַוויזן העלדישע גבורה און איז געפאַלן ווי אַ נאַציאָנאַלער העלד אויפן מזבח פון קאַמף פאַר יידישער פרייהייט אין זיין הויפט־קוואַרטיר אין וואַרשעווער געטאָ, אין בונקער אויף מילע 18, דעם 8טן מאַי 1943, בשעת אַ קאַמף מיט די נאַצי־תלינים.

דער יידישער חורבן אין ציפערן

לאַנד	צאָל יידן פאַר דער מלחמה אין יאָר 1939	צאָל יידן נאָך דער מלחמה אין יאָר 1946	אומגעקומען
אונגאַרן	403,000	200,000	203,000
בולגאַריע	50,000	46,500	3,500
בעלגיע	100,000	30,000	70,000
גריכנלאַנד	75,000	10,500	64,500
דייטשלאַנד	240,000	85,000	155,000
דענעמאַרק	7,000	5,500	1,500
האָלאַנד	150,000	30,000	120,000
טשעכאָסלאָוואַקיע	360,000	55,000	305,000
יוגאָסלאַוויע	75,000	10,500	64,500
לאַטוויע	95,000	12,000	83,000
לוקסעמבורג	3,500	500	3,000
ליטע	155,000	20,000	135,000
נאָרוועגיע	3,000	1,000	2,000
סאָוועטן־פאַרבאַנד	3,020,000	2,000,000	1,020,000
עסטאָניע	5,000	500	4,500
עסטרייך	60,000	16,000	44,000
פינלאַנד	2,000	1,000	1,000
פראַנקרייך	320,000	180,000	140,000
פוילן	3,460,000	260,000	3,200,000
רומעניע	850,000	300,000	550,000
צוזאַמען	9,433,500	3,264,000	6,170,500

דאָס איז דער בלוטיקער סך־הכל פון די נאַצישע שחיטות איבער יידן אין אייראָפּע אין די יאָרן 1939—1945.

דער מורא׳דיקער חורבן האָט געמוזט אויפרודערן די וועלט און ווערן אַ פּראָבלעם פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער צו שאַפן א נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק — מדינת־ישראל.

די פּאַראייניקטע פעלקער

(יונייטעד ניישנס)

די קאַטאַסטראָפע פון אייראָפּעיישן יידנטום, וואָס דער היטלעריזם האָט פאַראורזאַכט, דער קאַמף פון ישראל ישוב פאַר מלוכה׳שע און נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט און די ווירקונג פון אַמעריקאַניש־קאַנאַדיש יידנטום, האָט געשטעלט פאַר אַ היסטאָרישן עקזאַמען די אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע פעלקער אין דער יידן־פראַגע.

די רעגירונגען און לענדער ,וואָס האָבן געקעמפט און באַזיגט די היטלעריסטישע מאַכט, האָבן געמוזט אויך זאָרגן פאַר די קרבנות פון נאַציזם, דאָס הייסט זוכן אַ געוויסע לייזונג פאַרן יידישן פּראָבלעם, אַ לייזונג פאַר דער שארית־הפליטה פון די די־פּי לאַגערן אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך.

פּאַראַדאָקסאַל איז געווען די לאַגע דערמיט, אַז גראַד אין דער צייט האָט די מאַנדאַטאַרן מאַכט אין ישראל געשלאָסן די טויערן פון לאַנד, ניט געגעבן קיין מעגלעכקייט די על־פּי נס געראַטעוועטע יידין פון נאַצי־גהינום צו געפינען אַ רואיקע נאַציאָנאַלע היים אין אייגענעם לאַנד. שיפן מיט עולים האָבן געשוואומען איבער די ימען און נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו דערגרייכן דעם ציל. די שיפן זיינען דורך פאַנצער־קרייצערס אַרומגערינגלט געוואָרן און די פּאַסאַזשירן זיינען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן קיין ציפערן. דאָס האָט גאָרנישט אָפּגעשראָקן אַנדערע טויזנטער עולים ווידער זיך לאָזן אויף די ימען און זוכן וועגן און מיטלען צו דערגרייכן דעם ציל — אַ נאַציאָנאַלן באָדן אונטער די פיס. דאָס צוריקשיקן די ,,עקזאָדוס״ שיף צוריק קיין דייטשלאַנד ,איז געווען דער העכסטער קלימאַקס פון רשעות לגבי די וואַנדערנדע יידן און גלייכצייטיק אַן אויפברויז פון פּראָטעסט און קאַמף פון ישראל־ישוב און וועלט יידנטום אין די פרייע לענדער פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָב איך אָנגעשריבן אַ ליד צו דער יו־עו, וואָס באַשטייט פון אַ ביטע פון דערטיילן דעם יידישן פאָלק נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט.

אַ געבעט צו דער יו-ען

געפּלאָגט איז דער ייד,
מען טרייבט אים אַרום,
אויף דער גרויסער וועלט
און איז הפקר אומעטום.

אַז אַ היים
און אַז אַ דאַך,
דאָ ניט שטיי
און דאַרט ניט גיי.

מיין תפילה איז צו דיר יו־ען
אַ תפילה פון האָפנונג און בטחון
איך גלויב, אַז אַזוי וועט געשען
דו וועסט דערפילן דעם יידישן רצון.

גיט אונז צוריק אונזער היים,
עס בעט אַ ייד ביי אייך,
ווייל מיר ווילן זיין
מיט אַלע פעלקער גלייך.

גיט אונז צוריק אונזער נאַציאָנאַלע היים
די היים פון אונזערע אבות און פון אונזער שטרעבן
גיט אונז צוריק אונזער נאַציאָנאַלע היים
פאַר אַ פריי יידיש לעבן.

מיר ווילן צוריק אונזער היים
אַזוי ווי זי איז געווען אַמאָל.
ס׳וועט צוריק אויפבליען ווערן פּרעכטיק שיין
אונזער לאַנד, אונזער ארץ־ישראל.

מיר ווילן צוריק אונזער היים,
דאָס איז דער תוכן פון דעם ליד.
אַ באַגער און שטרעבן פאַר אונזער היים
פאַר אונזער לאַנד און מדינה פאַרן ייד.

כ׳וויל צוריק מיין היים,
ס׳וועט אויפבליען פּרעכטיק־שיין,
ווי פריינטשאַפט געשמידט
צווישן קריסט און ייד.

A PLEA TO THE U.N.

Translated from Yiddish by Sylvia Endler

I

Oh how they fled
From the wrath of their foes,
Unwanted they wandered
Where God only knows.
Without a home,
And without a land,
Where'er they trod
Jews were banned.

CHORUS

With fervour and hope
We cry out to you —
We beg of you — please
Find a home for the Jew.
Give us a home
Where we may abide,
We too wish to stand
With nations in pride.

II

Give us the land
Where our forefathers dwelled,
The land by the Jordan,
Their hearts dearly held.
How long will we bear
This burden of shame?
Haunted and driven
And heaped high with blame.

CHORUS

III

Oh how I long
For my ancestral home,
To rest my wand'ring head
And nevermore roam.
Oh how I long
For that river so sweet,
In friendship all
Men as brothers shall meet.

CHORUS

Prière aux Nations Unies.

O, comme le juif
Est chassé de partout
Et sur cette vaste terre
L'objet de courroux !

Sans un chez-soi
Et sans un abri,
Il n'est pas permis
Repos ou joie

Choeur

Exhaussez les voeux
L'espoir et la foi
La prière de ceux
Qui aspirent vos lois.

Donnez-nous la terre
De notre passé,
Terre qui nous est chère
Et par Dieu léguée.

Donnez-nous la terre,
Promise à nos pères,
La terre du Jordan
Qui fût notre mère.

Fini de souffrir,
Le monde a courrir,
Plus de chaque pays
Le chassé, le banni !

Choeur

A nous le foyer
Par Dieu-même crée
Le retour à elle
O, terre d'Israel

Refaites-nous le foyer
Par Dieu Même crée
Forgez une annelle
Entre vous et Israel.

אויף דעם ליד, וואָס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן צו דער יו־ען, איז אָנגעקומען אַן אַפיציעלער ענטפער פון גענעראַל סעקרעטעריאַט פון די פאַרייניקטע־פעלקער, דאַטירט אָקטאָבער 21, 1947.

פאָטאָסטאַט פון דעם ענטפער



CABLE ADDRESS: UNATIONS NEW YORK

ADRESSE TELEGRAPHIQUE: UNATIONS NEW-YORK

UNITED NATIONS NATIONS UNIES

LAKE SUCCESS, NEW YORK • FIELDSTONE 7-1100

21 October 1947

REFERENCE:
1302-1-2/MA

The Secretary-General of the United Nations has the honour to acknowledge the receipt of your communication dated October 1947, concerning the Palestinian question.

UNITED NATIONS
OFFICE OF THE SECRETARY-GENERAL
CABINET DU SECRETAIRE GENERAL
NATIONS UNIES

Mr. J. Aronoff,
5584 Clarke Street,
Montreal 14, Quebec,
Canada.

מיט אַ חודש און 6 טעג שפּעטער נאָכן דערהאַלטן דעם בריוו. דאָס הייסט, נאָוועמבער 29, 1947 איז די ישראל פֿראַגע געשטאַנען אויפֿן סדר־היום פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע פֿעלקער.

אין דעם גרויסן טאָג איז אָנגענומען געוואָרן דער היסטאָרישער באַשלוס צו גרינדן אַ יידישער מלוכה.

עס איז נישט לייכט אָנגעקומען, ווייל פֿאַרשידענע כוחות האָבן געאַרבעט נישט צו דערלאָזן צו דעם היסטאָרישן באַשלוס.

פֿון 57 לענדער האָבן 33 געשטימט פֿאַר, 13 קעגן, צען האָבן זיך צוריק־געהאַלטן פֿון שטימען און איינער איז אָפּוועזנד געווען.

די וואָס האָבן געשטימט פֿאַר דעם היסטאָרישן באַשלוס זענען: (לויטן אַלף־בית).

אויסטראַליע,
בעלגיע,
באָליוויע,
בראַזיל,
האָלאַנד,
ווייס־רוסלאַנד,
קאַנאַדע,
קאָסטאַ־ריקאַ,
טשעכאָ־סלאָוואַקיע,
דענעמאַרק,
דאָמיניקאַן־רעפּובליק,
עקוואַדאָר,
פֿראַנקרייך,
גוטעמאַלאַ,
האַאיטי,
איסלאַנד,
ווענעזועלאַ,
ליבעריאַ,
לוקסעמבורג,
ניו־זעלאַנד,
ניקאַראַגואַ,
נאָרוועגיע,
פּאַנאַמאַ,
פּאַראַגוואַי,
פּערו,
פֿיליפּינען,
פּוילן,
שוועדן,
אוקריינע,
זיד־אַפֿריקע,
אורוגוואַי,
סאָוויעטן,
פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקאַ

לענדער וואָס האָבן געשטימט קעגן דער גרינדונג פון אַ יידישער מלוכה.

אפגאַניסטאַן,	לבנון,
אינדיע,	פּאַקיסטאַן,
איראַן,	סאוד־אַראַביען,
איראַק,	סיריע,
גריכנלאַנד,	טערקיי,
קובאַ,	יעמען,
עגיפּטן,	

לענדער וואָס האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען

אַרגענטינע,	על־סאַלוואַדאָר,
האָנדוראַס,	ענגלאַנד,
טשילי,	קאָלאָמביאַ,
יוגאָסלאַוויע,	כינע,
עטיאָפּיע,	מעקסיקאַ,

די ערשטע באַריכטן פון דעם היסטאָרישן באַשלוס וועגן דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה געבן איבער, אַז עס איז געווען אַ דראַמאַטישער מאָמענט. אַלע האָבן געפילט, אַז עס איז אַ גרויסע היסטאָרישע געשעעניש. די רעפּרעזענטאַנטן פון די מלוכות, וואָס האָבן געשטימט סיי פאַר, סיי קעגן זענען געווען זייער ערנסט און אַ צאָל פון זיי האָבן אַרויסגעוויזן סימנים פון נערוועזיטעט.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער יו־ען טריגווי לי האָט נאָך דער אָפּ־שטימונג דערקלערט, אַז די אָפּשטימונג פון דעם יידנשטאַט איז אַ גרויסער היסטאָרישער אויפטו, וואָס וועט פיל הויבן דעם פּרעסטיזש פון דער יו־ען.

דער דעלעגאַט פון די פאַראייניקטע־שטאַטן פון אַמעריקאַ האָט דערקלערט, אַז עס איז אַ גרויסע היסטאָרישע געשעעניש און, אַז די יו־ען האָט אַדורכ־געפירט אַ גרויסן ציל. אין קעגנזאַץ צו די נאָבעלע און הומאַניטאַרע דער־קלערונגען האָט פעיזאַל סאָוד דערקלערט, אַז זיין לאַנד וועט זיך נישט אונ־טערוואַרפן דעם באַשלוס, פון יו־ען. אַן ענלעכע דערקלערונג האָט געמאַכט דער דעלעגאַט פון יעמען.

קאַדאָגאַן, דער דעלעגאַט פון ענגלאַנד, האָט אַרויסגעדריקט דעם פאַר־לאַנג, אַז ד יו־ען זאָל שטיין אין נאָנטער פאַרבינדונג מיט ענגלאַנד צו אַראַנזשירן די בריטישע עוואַקואַציע פון ארץ־ישראל.

כאַראַקטעריסטיש זענען די אַרגומענטן פון די לענדער, וואָס האָבן געשטימט פאַר דער גרינדונג פון מדינת־ישראל און פון די לענדער, וואָס האָבן געשטימט קעגן.

די וואָס האָבן געשטימט פאַר האָבן געברענגט צום אויסדרוק די היס־טאָרישע רעכט פון יידישן פאָלק צו זיין היימלאַנד און אַן ענדע צו מאַכן צו די יידישע ליידן, פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען און פאַרגיטיגונג קעגן דער גרוי־זאַמער היטלעריסטישער שחיטה.

די קעגנער האָבן אַרגומענטירט מיט דער עווענטואַליטעט פון אַ בלוטיקער מלחמה פון די אַראַבער קעגן די יידן.

נאָך דער גורלדיקער אָפּשטימונג האָבן די דעלעגאַטן פון די פריינטלעכע מדינות, גראַטולירט די ציוניסטישע פירער, וואָס זענען אנוועזנד געווען ביי דער היסטאָרישער סעסיע פון דער יו־ען, צוזאָגנדיק דערביי ווייטערדיקער קאָאָפּעראַציע צו דער גרינדונג פון דער יידישער מלוכה.

דער היסטאָרישער באַשלוס איז גלייך און בליץ־שנעל איבערגעגעבן גע־וואָרן אין דער גאַנצער וועלט און אין דער ערשטער רייע אַרויסגערופן גרויסע פרייד און צופרידנהייט ביים יידישן פאָלק.

אין אַלע יידישע ישובים זענען גלייך פּראָקלאַמירט געוואָרן פייערונגען לכבוד דעם באַשלוס.

עס איז געווען אַ פרייד, וואָס האָט אָנגעפילט יעדעם יידיש האַרץ מיט פאַרווירקלעכטע טרוימען און באַגערן פון די ציוניסטישע געדאַנקען, אידעען און לאַזונגען פאַר אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה אין לאַנד פון אונדזערע אבות.

אלס קאַנאַדער בירגער בין איך שטאָלץ פעסטצושטעלן, אַז די קאַנאַדישע רעגירונג האָט דורך אירע צוויי פאַרשטעער ביי די יו־ען האָנאָראַבל דז. ל. אילזלי און האָנאָראַבל לעסטער פּירסאָן אַקטיוו געאַרבעט פאַרן דורכפירן דעם באַשלוס פון באַשטימען אַ יידישער מדינה.

זיי האָבן אין נאָמען פון קאַנאַדע פלייסיק געאַרבעט ביי דער "יו-ען" פאַר אַ יידישער מלוכה אין ארץ ישראל



האָנ. דזשיי. ל. אילזלי
קאַנאַדע'ס הויפט-דעלעגאַט ביי ,יו־ען'



לעסטער פּירסאָן
קאַנאַדע'ס דעלעגאַט ביי ,יו־ען'

אין צוזאמענהאנג מיט דעם באשלוס פון דער יר־ען האט דער גענעראל־סעקרעטאר פון קאנגרעס ה. מ. קייזערמאן ע״ה, דערקלערט, אז אלע וועלכע זענען פארבונדן מיטן קאנגרעס זענען גליקליך צו הערן וועגן דער אפשטימונג ביי דער יו־ען פאר א יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל. דאס איז די קאלאסאלסטע זאך וואס די יו־ען האט אויפגעטאן, און אויפטו מיט וועלכער די יו־ען האט זיך מאראליש שטארק דערהויבן. דער קאנאדער יידישער קאנגרעס איז דאנקבאר צו דער קאנאדער רעגירונג פאר איר וויכטיקן בייטראג דורך אירע דעלעגאטן ביי דער יו־ען פאר דער שאפונג פון א יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל.

מיין ליד צו דער יו־ען.

געבענטשט זאל זיין די יו־ען.

געבענטשט זאָל זיין די יו־ען

דוד המלך׳ס פידעלע שפילט שוין ווידער.
מיט די אַכט סטרונעס, אידיש זיסן געזאַנג
און עס זינגט מיט אים, דאָס פאָלק ישראל
מזמור שיר, אין אַ יובל׳דיקן קלאַנג.

און פריילעך זינגט זשע, איר ציון׳ס טעכטער
די נגינה מיטן פולן גלאַנץ
דבורה הנביאה וברק אבינועם
און מרים זינגען פריילעך גייען אין טאַנץ.

און זאָל דער אַלטער שופר תקיעה שאַלן
פאָרווערטס צום קאַמף, אלע גלייך
צו פאַרטיידיקן אונזער לאַנד און תורה
צו די נביאים מיט דעם תנ״ך.

ניט די היטלערס, ניט טיטוס מיט די המן׳ס
ניט גירוש שפאַניע פון מאַדריד
נאָר ישעיהו׳ס אייניקלעך, הגנה העלדן
באַשיצן היינט דאָס לאַנד פון ייד.

ניט מער גלות, חרוב׳ע בית עולמות
פאַרברענטע יידן זעקס מיליאָן
זיי רופן, זיי וועקן פאַר רעכט און יושר
מאַרשירט היינט העלדיש ישראל מיט זיין פאָן.

טאַ זייט באַשאַנקען מיט רויזן בלומען
ישראל׳ס גאולה ג׳חתמ׳עט מיט טינט און פען
געבענטשט פון גאָט זאָל אייער נאָמען אייביק שיינען
ביי יענעם טיש אין לייק־סוקסעס, וואָס הייסט יו־ען.

O D E

Once more is heard of David, the King
The eight string'ed viol, sweetest of song.
And with it chants the People of God
A paen of praise, jubilant, strong.

O daughters of Zion, sing ye in joy.
Sing ye the glory, grandeur of yore
Sons of Abinoam, Debora too
And Miriam dance all on our shore.

Let the Shofar of old gaily resound.
Onward to battle, the battle of all !
To safeguard our land, the inherited lore
The prophets' behest, freedom from thrall.

Gone the Hitlers, the Hamans of old.
Gone the memory of impious Spain.
Sons of Israel, Haganah's men
Watch o'er Israel, with might and main.

Out of Galuth, pillage and pain,
The cry of our millions, charred and dead,
Re-echoes and calls, justice and right
For thee O, Israel, march we ahead.

Now, then, may your paths with flowers
be decked.
Israel's fate you've sealed with ink and pen.
Blessed forever, blessed your names
Men of Lake Success, You of U. N.

Ode

Une fois encore entend-on du roi David,
La mélodie douce du luth à huit cordes,
Ainsi que l'ode du peuple de Dieu,
Où louange, joie et ferveur s'accordent.

O, filles de Sion, chantez-bien haut,
Chantez la gloire, la grandeur d'antan,
Fils d'Abinnoam, filles de Deborah,
Enfants de Miriam dansez avec élan.

Que le Shofar sacré résonne partout!
En avant ! Vainqueurs de nos énemis,
Sauvegradez Israél et sa sage loi,
La liberté, les prophéties de jadis.

A bas les Hitlers, les Hamans anciens !
Oublions a jamais l'Espagne impie!
Hommes héroiques, soldats de l'Hagana,
Protégez Israel, luttez sans répit.

Finis exile, pogroms et tortures.
Le cri des frères , nos millions de morts
Appellent et commandent - justice et droit,
Defensé d'Israel par le sang de nos corps.

Et l'esprit éveillé, fier et noble,
Les juifs, de reconnaissance imbus,
Saluent et de toute âme bénissent
Les délégués des peuples à la ONU.

קאַפּיטל 3

די יידישע מלוכה

אין רעזולטאַט פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס עס האָט געטראָפן דאָס יידישע פאָלק אין דער צייט פון היטלערס ממשלה אין אייראָפּע, אין וועלכן עס איז אומגעקומען אַ דריטל פון אַלוועלטליכן יידנטום, אין רעזולטאַט פון דער שארית־הפליטה, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די נעגל פון טויט און זיך געוואַלגערט אין די די־פּי לאַגערן און געזוכט אַ רעטונג, אַ זיכערן באָדן אונטער די פיס אין רעזולטאַט פון קעמפּענדיקן ישוב פון ישראל פאַר פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט און אין רעזולטאַט פון דעם אָפיציעלן באַשלוס פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דעם 29טן נאָוועמבער 1947, אַז דעם 15טן מאַי 1948 ענדיקט זיך דער בריטישער מאַנדאַט אין ישראל, איז אַנטשטאַנען די יידישע מדינה.

דעם 14טן מאַי 1948 איז פאָרגעקומען די היסטאָרישע געשעעניש פון פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה. די היסטאָרישע געשעעניש האָט אויפגעעפנט אַ נײַ קאַפּיטל געשיכטע פון יידישן פאָלק אין דער וועלט. אַ געשיכטע פון ישראל ביז־העמים, ווי אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך.

די נײַע גייסטיקע, פּסיכישע, קולטורעלע, פיזישע און עקאָנאָמישע איבערגעשטאַלטונג אין יידישן לעבן, די רעכט פון יידישן פאָלק צו איר היימלאַנד, קומט צום אויסדרוק אין דער פּראָקלאַמירונגס־דעקלאַראַציע פון מדינת ישראל, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דעם שייך־גייסט פון יידישן פאָלק אין דער היינטיקער עפּאָכע, דוד בן־גוריון.

די דעקלאַראַציע פון דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל

דאָס יידישע פאָלק איז אויפגעקומען אין ארץ ישראל. אין איר איז עס געשטאַלטיקט געוואָרן גייסטיק, רעליגיעז און פּאָליטיש. אין איר האָט עס געלעבט אַ ווירדיק מלוכה לעבן. אין איר האָט עס געשאַפן נאַציאָנאַל־גייסטיקע און אַלמענטשלעכע ווערטן, און געגעבן דער גאַנצער וועלט דאָס אייביקע ספר הספרים, דעם תנ״ך.

נאָכדעם ווי דאָס יידישע פאָלק איז מיט גוואַלט פאַרטריבן געוואָרן פונעם אייגענעם לאַנד, איז עס טריי געבליבן דעם לאַנד און אין אַלע מדינות פון גלות פאַרשפּרייטונג, און עס האָט ניט אויפגעהערט תפילה צו טאָן און צו האָפן זיך אומצוקערן אַהיים און צו באַנײַען דאָרט די פּאָליטישע פרייהייט.

דורך דער דאַזיקער היסטאָרישער און טראַדיציאָנעלער פאַרבינדונג האָבן די יידן אין יעדן דור געשטרעבט זיך אומצוקערן און זיך פאַרפעסטיקן אין דעם היסטאָרישן היימלאַנד. אין די דורות האָבן זיי זיך אומגעקערט צו זייער לאַנד מאַסנווייז. חלוצים, העלדישע וואַנדערערס און קעמפּערס האָבן געמאַכט אויפבליען וויסטענישן, אויפגעלעבט די העברעיישע שפּראַך, אויפגעבויט דערפער און שטעט און אויפגעשטעלט אַ ישוב, וואָס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך, געוועלטיקט איבער זיין ווירטשאַפט און קולטור, זוכט שלום און באַשיצט זיך צוגלייך, ברענגט די ברכה פון פּראָגרעס צו אַלע איינוואוינער פון לאַנד און איז באַזעלט מיט דער שטרעבונג צו מלוכה׳שער זעלבסטשטענדיקייט.

אין יאָר 1897 איז זיך צונויפגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנ־גרעס אויפן רוף פון דעם שעפער פונעם יידישן מדינה־געדאַנק, טעאָדאָר הערצל, און פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פון יידישן פאָלק צו נאַציאָנאַלן אויפקום אין אייגענעם לאַנד.

דאָס דאַזיקע רעכט איז אָנערקענט געוואָרן אין דער באַלפור דעקלאַראַציע פון 2טן נאָוועמבער 1917 און איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן מאַנדאַט פון פעלקער־בונד, וואָס האָט באַזונדערס געגעבן אינטערנאַציאָנאַלע באַקרעפטיגונג צום היסטאָרישן בונד צווישן יידישן פאָלק אין ארץ ישראל און צום רעכט פון יידישן פאָלק אויפצושטעלן אויפסניי די אייגענע נאַציאָנאַלע היים.

דער שטורעם, וואָס האָט זיך צעבושעוועט איבערן פאָלק ישראל אין דער לעצטער צייט, וואָס אין איר זענען מיליאָנען יידן אין אייראָפּע אויסגע־קוילעט געוואָרן, האָט אויפסניי קלאָר באַוויזן די נויטיקייט צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון יידישן פאָלק, וואָס האָט נישט קיין אייגן לאַנד און זעלבסט־שטענדיקייט, זאָל דורך באַנייען אין ארץ ישראל די יידישע מדינה, וואָס זאָל ברייט עפענען אירע טויערן פאַר יעדן ייד — געבן דעם יידישן פאָלק דעם שטאַנד פון אַ גלייכבאַרעכטיקטער נאַציע אין דער משפחה פון פעלקער.

די שארית־הפליטה, וואָס איז ניצול געוואָרן פון דער שוידערליכער נאַצי־שחיטה אין אייראָפּע און די יידן פון אַנדערע לענדער, האָבן ניט אויפ־געהערט אַריינצוקומען קיין ארץ ישראל ניט געקוקט אויף יעדער שוועריקייט, שטערונג אָדער געפאַר און זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו מאָנען דאָס רעכט אויף אַ לעבן פון כבוד, פרייהייט און ערלעכער פּראַצע אין היימלאַנד פון זייער פאָלק.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער יידישער ישוב אין לאַנד ביי־געטראָגן זיין פולן חלק צום געראַנגל פון די פרייהייט און פרידן שטרעבנדיקע פעלקער קעגן די רשעות׳דיקע כוחות פון די נאַציס און דורכן בלוט פון זיינע זעלנער און דורך זיינע קריגס־אָנשטרענגונגען האָט ער זיך איינגעשאַפן דאָס

רעכט געצײלט צו װערן צװישן די פעלקער, װאָס האָבן געגרינדעט די פֿאַר־אייניקטע פעלקער אָרגאַניזאַציע.

דעם 29טן נאָװעמבער 1947 האָט די אַסעמבלי פון די פֿאַראײניקטע פעל־קער אָנגענומען דעם באַשלוס, װאָס פֿאַרפליכטעט דאָס אױפשטעלן אַ יידישע מדינה אין ארץ ישראל. די אַסעמבלי האָט אױפגעפאָדערט די איינוואוינער פון ארץ ישראל אַלײן אָנצונעמען די געהעריקע שריט צו פֿאַרווירקלעכן די רעזאָלוציע. די אָנערקענונג מצד די פֿאַראײניקטע פעלקער בנוגע דאָס רעכט פון יידישן פאָלק צו עטאַבלירן די אייגענע מדינה, קען ניט צוריקגעצויגן װערן. דאָס איז דאָס נאַטירלעכע רעכט פון יידישן פאָלק, װאָס איז זעלבסט־שטענדיק אין דער אײגענער, אומאָפּהענגיקער מדינה. דערפאַר האָבן מיר זיך פֿאַרזאַמלט — מיר די מיטגלידער פון פֿאָלקס־ראָט, די פֿאַרשטײער פון יידישן ישוב און פון דער ציוניסטישער באַװעגונג אינעם טאָג װען עס ענדיקט זיך דער בריטישער מאַנדאַט אויף ארץ ישראל און מיט דער קראַפט פון אונזער נאַטירליך און היסטאָריש רעכט און אױפן גרונט פון דעם באַשלוס פון דער אַסעמבלי פון דער פֿאַראײניקטער פעלקער אָרגאַניזאַציע — פּראָקלאַמירן מיר דורך דעם, דעם אויפשטעל פון אַ יידישער מדינה, װאָס איז מדינת ישראל.

מיר שטעלן פעסט, אַז אָנהױבנדיק מיטן מאָמענט װען עס ענדיקט זיך דער מאַנדאַט דעם 15טן מאַי 1848, ביז דעם אויפשטעלן די דערוויילטע און שטענדיק רעגירענדע אינסטאַנצן, אין אײנקלאַנג מיט דער קאָנסטיטוציע, װאָס װעט באַשטעטיקט װערן דורך דער דערווײלטער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג ניט שפּעטער פון ערשטן אָקטאָבער 1848, װעט פונקציאָנירן דער נאַציאָנאַל־ראָט װי אַ צײטווײליקער רעגירונגס־ראָט און זײן אויספיר אָרגאַן, די פֿאָלקס־לייטונג, װעט מיט זיך פֿאַרשטעלן די צײטווײליקע רעגירונג פון דער יידישער מדינה, װאָס װעט גערופן װערן מיטן נאָמען „ישראל״.

מדינת ישראל װעט זײן אָפן פאַר יידישער איינוואַנדערונג און פאַר קיבוץ־גליות. זי װעט זיך װידמען דער אַנטװיקלונג פון לאַנד לטובת אַלע אירע איינוואוינער. זי װעט זײן באַזירט אויף די פונדאַמענטן פון פרייהייט, גע־רעכטיקייט און פרידן אין ליכט פון די זעאונגען פון די יידישע נביאים. זי װעט דורכפירן פולשטענדיקע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע גלײכבאַרעכ־טיקונג פאַר אַלע אירע בירגער אָן אונטערשיד פון רעליגיע, אָפּשטאַם און געשלעכט. זי װעט פֿאַרזיכערן די פרייהייט פון גלויבן, געװיסן, שפּראַך, דערציאונג און קולטור. זי װעט אָפּהיטן די הײליקייטן פון אַלע רעליגיעס און זײן געטריי די פּרינציפּן פונעם טשאַרטער פון די פֿאַראײניקטע פעלקער.

מדינת ישראל װעט זײן גרייט צו קאָאָפּערירן מיט די אינסטאַנצן און פֿאַרשטײערס פון די פֿאַראײניקטע פעלקער כדי צו פֿאַרווירקליכן דעם אַסעמבלי־

באַשלוס פון 29טן נאָוועמבער 1947 און זי וועט אַרבעטן פאַרן אויפשטעל פון דער עקאָנאָמישער אייניקייט פון ארץ ישראל אין איר גאַנצקייט.

מיר רופן די פאַראייניקטע פעלקער מיטצוהעלפן דעם יידישן פאָלק אין דעם אויפבוי פון זיין מדינה און אריינצונעמען מדינת־ישראל אין דער פעלקער־משפחה.

מיר רופן — אַפילו בעת דעם בלוטיקן אַנגריף, וואָס ווערט אָנגעפירט קעגן אונז זינט חדשים — די קינדער פון אַראַבישן פאָלק, איינוואוינער פון מדינת ישראל, אָנצוהאַלטן פרידן און זיך צו באַטייליקן אין אויפבוי פונעם לאַנד אויפן באַזיס פון פולער און גלייכער בירגערשאַפט און אויפן גרונט פון געהעריקער פאַרשטייערשאַפט אין אַלע אירע אינסטיטוציעס, די צייטווייליקע און פערמאַנענטע.

מיר שטרעקן אויס די האַנט פון שלום און גוטער שכנה׳שאַפט צו אַלע שכנה׳שע לענדער און זייערע פעלקער און מיר רופען זיי צו בשותפות׳דיקער אַרבעט און קעגנזייטיקער הילף מיטן אומאָפּהענגיקן יידישן פאָלק און זיין לאַנד. מדינת ישראל איז גרייט בייצוטראָגן איר חלק אין דער בשותפות׳דיקער אָנשטרענגונג פאַרן פּראָגרעס פון גאַנצן מיטל־מזרח.

מיר רופן דאָס אידישע פאָלק אין אַלע ערטער פון זיין פאַרשפּרייטונג, צו פאַראייניקן זיך אַרום דעם ישוב אין אימיגראַציע און אויפבוי און צו שטעלן זיך ביי זיין זייט אין דעם גרויסן קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער דורות־לאַנגער שטרעבונג צו יידישער גאולה.

מיט בטחון אין גאָט פון ישראל חתמענען מיר זיך אייגנהענטיק ווי עדות אויף דער דאָזיקער דעקלאַראַציע אויף דער זיצונג פון צייטווייליקן רעגירונגס־ראַט, אויף דער ערד פון פאַטערלאַנד, אין דער שטאָט תל אביב, היינט, ערב שבת, ה׳ אייר, תש״ח, דעם 14טן מאַי 1948.

אונטערגעשריבן:

דוד בן־גוריון, דניאל אוסטר, מרדכי בנטוב, יצחק בן־צבי, אליהו ברלין, פרץ ברנשטין, הרב וולף גולד, מאיר גרובובסקי, יצחק גרינבוים, דרד. אברהם גרנובסקי, אליהו דובקין, מאיר וילנר־קובנר, זרח ורהפטיג, הרצל ורדי, רחל כהן, הרב קלמן כהנא, סעדיה כובאשי, הרב יצחק מאיר לוין, מאיר דוד לווינ־שטיין, צבי לוריא, גולדה מאירסון, נחום ניר, צבי סגל, הרב יהודה ליב הכהן פישמן, דוד צבי פוקס, אהרן ציזלינג, משה

קולודני אליעזר קפלן, אברהם קצנלסון, פליכס רוזנבליט, דוד רמז, ברל רפטור, מרדכי שאנר, בן־ציון שטרנברג, בכור שיטרית, משה שפירא, משה שרתוק.

אין דער זעלבער צייט ווען עס איז פאַרגעקומען די פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה, איז פאַרגעקומען אַן אויסעראָרדנטלעכע סעסיע פון דער יו־ען אַסעמבלי אין װאַשינג. די פּראָקלאַמירונג פון ישראל איז פאַרגעקומען פרייטיק פיר אַזייגער נאָכמיטאָג. לויט דער ניו יאָרקער צייט מאַכט דאָס אויס 10 אַזייגער אינדערפרי. דר. סילווער האָט געהאַט דעם גרויסן זכות אָנצוזאָגן דער וועלט, פאַר די פאַרזאַמעלטע פאָרשטייער פון די 58 מלוכות, מיטגלידער פון דער אָרגאַניזירטער פעלקער משפחה, די בשורה, אַז אַ נייע מדינה איז אַנטשטאַנען — מדינת ישראל; די בשורה, אויף וועלכער עס האָבן אַרויסגעקוקט און געבענקט אַזוי פיל פאַרשקלאַפטע און אונטערדריקטע דורות יידן. עס איז געווען אַ גרויסער פייערלעכער מאָמענט ניט בלויז פאַר יידן, נאָר אויך אין דער יונגער געשיכטע פון דער יו־ען. דר. סילווער האָט די דאָזיקע ערקלערונג געמאַכט אין אַן אָנגעשטרענגטן קול, שטיקנדיק זיך פון טרערן, וואָס זענען געקומען פון עקזאַלטירטער פרייד.

מיט דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה איז גלייך אַנטשטאַנען אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג אונטער דער אָנפירונג פון דוד בן־גוריון אַלס פרעמיער־מיניסטער און פאַרטיידיקונגס־מיניסטער. דער צוזאַמענשטעל פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג איז באַשטאַנען פון 37 מיטגלידער: מפא״י 10, אַלגעמיינע ציוניסטן 6, מזרחי און הפועל־המזרחי 5, מפ״ם 5, אגודת ישראל 3, רעוויזיאָניסטן 3, קאָמוניסטן 3, „וויצאָ״ און עליה חדשה 1, ספרדים און תימנים 1.

פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאַבינעט פון 13 מיטגלידער לויטן פאָלגענדן פאַרטייאישן צוזאַמענשטעל: מפא״י 4, אַלגעמיינע ציוניסטן 2, מפ״ם 2, מזרחי 1, הפועל המזרחי 1, ספרדים 1, עליה־חדשה 1, אַגודת ישראל 1, צוזאַמען 13 מיניסטאָרן.

צוויי טעג שפּעטער, נאָכן פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה, האָט די פּראָוויזאָרישע רעגירונג דערוויילט אַלס פּרעזידענט פון מדינת ישראל פּראָפעסאָר דר. חיים ווייצמאַן.

אַלס קאַנאַדער ייד און אַלס קאַנאַדער בירגער וויל איך ברענגען צום אויסדרוק די געפילן, וואָס עס האָט באַהערשט דאָס קאַנאַדער יידנטום אין רעזולטאַט פון דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל.

פרייטיג פאַרנאַכט, דעם 14טן מאַי 1948, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די מדינה און גלייך זונטיק אינדערפרי דעם 16טן מאַי 1948, איז אין „קענעדער אדלער" וועגן דער גרויסע געשעעניש געווען פאָלגנדעס פאַרעפנטלעכט:

די פּראָוויזאָרישע יידישע רעגירונג האָט פרייטיק דעם 14טן מאַי 1948 פּראָקלאַמירט צו דער וועלט דורך דער ראַדיאָ, אַז אַ יידישע רעפּובליק מיטן נאָמען „ישראל" איז עטאַבלירט געוואָרן אויפן גרונט פון די נאַטירלעכע און היסטאָרישע רעכט פון דעם יידישן פאָלק און אויפן גרונט פון דער רעזאָלוציע פון דער אַסעמבלי פון די פאַראייניקטע פעלקער.

דער ענגלישער מאַנדאַט איבער ארץ ישראל האָט זיך אָפיציעל פאַרענדיקט 12 אַזייגער ביינאַכט און די פּראָקלאַמאַציע פון דער יידישער צייטווייליקער רעגירונג, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פריער, צוליב שבת, האָט אַריינגעטראָטן אין קראַפט איין מינוט נאָך מיטנאַכט, בעת דער לעצטער ענגלישער הויך-קאָמישיאָנער אין ארץ ישראל, סיר אַלאַן קאַנינגהאַם, האָט פאַרלאָזט חיפה אויף אַ בריטישן קריייצער.

גלייכצייטיק מיט דער פּראָקלאַמירונג פון אומאָפּהענגיקן יידישן שטאַט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די ליסטע פון די מיניסטאָרן, וואָס שטעלן צוזאַמען די יידישע צייטווייליקע רעגירונג. זיי וועלן אָנפירן מיט דער אַדמיניסטראַציע פון ישראל ביז די קאָנסטיטואירענדע פאַרזאַמלונג וועט, ניט שפּעטער ווי דעם ערשטן אָקטאָבער 1948, גוטהייסן די קאָנסטיטוציע און באַשטימען די פּערמאַנענטע רעגירונגס-אָרגאַנען פון דער יידישער רעפּובליק.

די 12 מיניסטאָרן פון דער יידישער רעפּובליק זענען:

דוד בן־גוריון — פּרעמיער און שוץ־מיניסטער.
משה שערטאָק — אויסערן־מיניסטער.
יצחק גרינבוים — אינערן־מיניסטער.
אליעזר קאַפּלאַן — פינאַנס־מיניסטער.
הרב ל. פישמאַן — מיניסטער פאַר ירושלים.
מרדכי בן־טוב — אַרבעטס־מיניסטער.
משה שאַפּירא — אימיגראַציע־מיניסטער.
דוד רמז — מיניסטער פאַר פּאָסט און קאָמוניקאַציע.
אהרן ציזלינג — אַגריקולטור־מיניסטער.
פעליקס ראָזענבליט — יוסטיץ־מיניסטער.
פּריטץ בערנשטיין — מיניסטער פאַר האַנדל און אינדוסטריע.
הרב י. מ. לעווין — מיניסטער אָן אַ פּאָרטפעל.

די דעקלאַראַציע פון דער מזרח־דיוויזיע פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

אין נאָמען פון דער מזרח־דיוויזיע פון דער קאַנאַדער ציון אָרגאַניזאַציע האָט דער פּאַרזיצער דזשאָזעף מ. פרענק אַרויסגעגעבן אַ דעקלאַראַציע אין וועלכער עס ווערט געזאָגט פאָלגענדעס:

מיר סאַלוטירן דעם גרויסן היסטאָרישן טאָג ווען אַ יידישע מלוכה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין תל־אביב. עס איז אַ טאָג וועלכער האָט געהויבן דעם כבוד און פּרעסטיזש פון וועלט יידנטום. אין דער העלדישקייט פון דער „הגנה״, אין דער דיסציפּלינירטער פירערשאַפט פון דער יידישער אַגענטור און אין דעם גרויסן קוראַזש און מוט פון ישוב זעען מיר די רעאַליזירונג פון ישראל׳ס אַלטן חלום״.

אין אַ דעקלאַראַציע אין נאָמען פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין קאַנאַדע, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון די פּועלי ציון, פּיאָנערן פרויען, יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פּאַרבאַנד, הבונים, פּועלי ציון יוגנט און הסתדרות קאַמפּיין קאָמיטעטן, האָט דער נאַציאָנאַלער פּאַרזיצער, משה דיקשטיין, פאָלגנדעס דערקלערט: „מזל טוב צום געבורט פון מדינת ישראל. אַלס קאַנאַדער בירגער פאָדערערן מיר אַנערקענונג פון דעם יידישן שטאַט. מיר זענען איבערצייגט, אַז אונזער באַוועגונג אין קאַנאַדע און די מפא״י אין מדינת ישראל וועלן פאַרזעצן זייער פירענדע ראָל אין דער פאַרטיידיגונג און אויפבוי פון יידישן היימלאַנד. פאַרוועטס צו דער מאָביליזאַציע פון אונזער יוגנט, פון אונזערע פינאַנציעלע רעסורסן און פון אַלע אונזערע פאָלקס־כוחות. זאָל קיין קרבנות ניט זיין צו גרויס פאַר מדינת ישראל. לעליה! להגנה! ולעבודה!״

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די יידישע מדינה איז גלייך אויף צומאָרגנס באַפאַלן געוואָרן דורך די אַרמייען פון עגיפּטן, איראַק, לבנון און סיריע, האָט די יידישע מדינה געפירט אַ פאַרטיידיקונג אויפן הומאַניטאַרסטן אופן קעגן די אויסגערעכנטע מלחמה אַנגרייפער.

דאָס יידישע לאַנד האָט געוואונען די סימפּאַטיעס ביי די גרעסטע מלוכות אין דער וועלט און האָט באַקומען אַנערקענונג.

די יידישע רעגירונג האָט גלייך אָנגענומען מאַסנאַמען אָנצוהאַלטן אָרד־נונג, באַשיצן די גרענעצן און פאָר'באַרייטן די באַפעלקערונג געגן דער געפאַר פון לופט־אַטאַקעס. יידישע טרופּן האָבן באַלד אָקופּירט וויכטיקע סטראַטעגישע פונקטן אין ירושלים, אַרום חיפה און יפו, ווי אויך אין צפון פון ישראל.

די ערשטע אָפיציעלע אָנערקענונג פאַר מדינת־ישראל איז געקומען מיט דער מעלדונג פון וואַשינגטאָן, אַז פּרעזידענט טרומאַן האָט אין נאָמען פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג אָפיציעל אָנערקענט דעם יידישן ציטווייליקן קאַבינעט אַלס דע־פאַקטאָ אויטאָריטעט פון דעם נייעם ישראל־שטאַט. די האַנדלונג פון פּרעזידענט, עטליכע מינוט נאָך דעם ווי די פּראָקלאַמירונג פון יידישן שטאַט, איז אָפיציעל מיטגעטיילט געוואָרן צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג, האָט אַרויסגערופן אַן אומגעהויערע איבעראַשונג אין דער יו־ען און אין די דיפּלאָמאַטישע קרייזן פון וואַשינגטאָן.

די יידן האָבן די נייעס פון אַמעריקעס אָנערקענונג אָנגענומען מיט גרויס צופרידנהייט. דר. אבא סילווער, פאָרזיצער פון דער אַמעריקאַנער סעקציע פון דער יידישער אַגענטור, האָט באַקומען די נייעס בעת ער האָט בייגעוואוינט אַ זיצונג פון דער יו־ען. ער האָט דעם פּרעזידענטס שריט באַצייכנט אַלס „וואונדערבאַר".

אין „קענעדער אדלער" איז געווען פאָלגנדעס געשריבן: ערב שבת ה' באייר תש"ח איז געווען דער גרעסטער טאָג אין דער יידישער געשיכטע פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. אין יענעם טאָג האָבן צוויי גרויסע געשעענישן נאָכגעפאָלגט איינע די אנדערע. צום ערשטן די פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל דורך דעם יידישן נאַציאָנאַל־ראַט אין ארץ ישראל, און עטלעכע שעה שפּעטער די פריילאַכע בשורה, אַז פּרעזידענט טרומאַן האָט אין נאָמען פון דער גרויסער רעפּובליק פון די פאַראייניקטע שטאַטן אָנערקענט דעם ניי פּראָקלאַמירטן שטאַט. אין די עטלעכע שעה, וואָס זענען אַריבער פון דער ערשטער גרויסער געשעעניש ביז דער צווייטער איז די זעלבסטפאַרשטענדלעכע פרייד געווען געמישט מיט אַ היבשלאָכן ציטער אין האַרצן איבער דעם, וואָס עס קען חלילה געשען אויב די נייע פּראָקלאַמירטע יידישע מלוכה זאָל בלייבן איזאָלירט פון פריינד און אַרומגערינגלט מיט פיינט. מיט דער פריידיקער איבעראַשונג פון טרומאַנס פריינטלעכער האַנדלונג הויבט זיך צו צעשמעלצן די ספקות, וואָס האָט געדריקט דאָס געמיט. אַ שמייכל פון אויפגעלויכטענער שמחה האָט זיך באַוויזן אויף יידישע פּנימער און אַ געזאַנג האָט זיך געריסן פון האַרצן. מדינת ישראל איז אַ דערפרייענדעווירקלעכקייט. דאָס איז דער טאָג, וואָס אויף אים האָבן דורות געחלומט און וואָס אויף אים האָבן זיי געבעטן אין זייערע תפילות.



PRESIDENT HARRY S. TRUMAN

On Friday, May 14th, 1948, minutes after Israel was proclaimed as an independent state, the United States of America, the world's greatest freedom loving democracy, through its President Harry S. Truman, gave its recognition to the State of Israel.

פרייטיק מאַי 14, 1948, דריי מינוטן נאָכן פּראָקלאַמירן מדינת-ישראל האָט פּרעזידענט העררי טרומאַן אין נאָמען פון די פאַרייניקטע שטאַטן אַנערקענט די נײַע אַנטשטאַנענע מדינה. פּרעזידענט העררי טרומאַן איז איינער פון די חסידי אומות העולם.

לענדער, וואָס האָבן אַנערקענט ישראל אין לויף פון איין יאָר
פון 14טן מאַי 1948 ביז 17טן אַפּריל 1949

לאַנד	דאַטע פון אנערקענונג	לאַנד	דאַטע פון אנערקענונג
אַמעריקע	14 מאַי 1948	בעלגיע	29 יאַנ. 1949
גוואַטעמאַלאַ	15 מאַי 1948	האָלאַנד	29 יאַנ. 1949
סאָוויעט רוסלאַנד	17 מאַי 1948	ניו־זעעלאַנד	29 יאַנ. 1949
טשעכאָסלאָוואַקיע	18 מאַי 1948	ענגלאַנד	29 יאַנ. 1949
פּוילן	18 מאַי 1948	קאָלאָמביאַ	2 פעב. 1949
ניקאַראַגואַ	18 מאַי 1948	דענמאַרק	3 פעב. 1949
אורוגוואַי	19 מאַי 1948	עקוואַדאָר	3 פעב. 1949
יוגאָסלאַוויע	19 מאַי 1948	נאָרוועגיע	5 פעב. 1949
אַפריקע	24 מאַי 1948	בראַזיל	8 פעב. 1949
אונגאַרן	1 יוני 1948	איטאַליע	8 פעב. 1949
רומעניע	11 יוני 1948	פּערו	10 פעב. 1949
פּאַנאַמאַ	18 יוני 1948	איסלאַנד	11 פעב. 1949
קאָסטאַ ריקאַ	18 יוני 1948	ליבעריאַ	12 פעב. 1949
ווענעזועלאַ	26 יוני 1948	סאַן מאַרינע	13 פעב. 1949
פּאַראַגוואַי	6 סעפּט. 1948	שוועדן	16 פעב. 1949
על סאַלוואַדאָר	16 סעפּט. 1948	אַרגענטינע	16 פעב. 1949
האָנדוראַס	8 נאָוו. 1948	באָליוויע	23 פעב. 1949
בולגאַריע	26 נאָוו. 1948	האַיטי	26 פעב. 1949
קאַנאַדע	24 דעצ. 1948	כינע	1 מערץ 1949
דאָמיניקאַן רעפּוב.	26 דעצ. 1948	עסטרייך	16 מערץ 1949
קובאַ	14 יאַנ. 1949	גריכנלאַנד	18 מערץ 1949
פראַנקרייך	24 יאַנ. 1949	טערקיי	28 מערץ 1949
אויסטראַליע	28 יאַנ. 1949	פיליפינען	1 אַפּריל 1949
טשילי	29 יאַנ. 1949	מעקסיקאַ	7 אַפּריל 1949
לוקסעמבורג	29 יאַנ. 1949	אַלבאַניע	17 אַפּריל 1949

דער באַגרינדער פון דער אידייע „דאָס יידישע פאָלק פאַרן יידישן לאַנד, דאָס יידישע לאַנד פאַרן יידישן פאָלק" איז דר. טעאָדאָר הערצל. דער גרויסער מענטש און ייד האָט ווי אַ ליכט־שטראַל אויפגעשיינט אין יידישן פאָלק און האָט אריינגעברענגט אַ גייסטיקע נשמה'דיקייט אין יידישן לעבן, אַן אידייע פון פרייהייט, זעלבסטשטענדיקייט און מלוכהשן זין. מיט גרויסן יראת־הכבוד דערמאָן איך דר. טעאָדאָר הערצל צוליב דריי סיבות: 1) ער איז געווען דער גרינדער פון פאָליטישן ציוניזם; 2) עס ווערט יעצט געפייערט דאָס 50־טע הערצל־יאָר אַלס אויפקלערונגס־יאָר אין גייסטיקן מהות פון שטאַטלעכן געדאַנק, און 3) איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין ביים קבר פון דר. הערצל. דאָס איז געווען אין חודש אלול אין יאָר 1904. איך בין דאַמאָלסט געווען אין ווין און געאַרבעט אויף דער מאַלצגאַססע נומער 6, צווייטער באַצירק. עס האָט דעמאָלסט גערעדט צבי גרינפעלד. זיין רעדע האָט אַלעמען דערפירט צו טרערן און שטייענדיק זייער נאָענט זענען מיינע טרערן געפאַלן אויפן קבר פון גרויסן מנהיג הדור דר. טעאָדאָר הערצל.

דר. טעאָדאָר הערצל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1860 אין בודאַפּעסט. ער איז געווען די גרעסטע מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע פון אונזער רענעסאַנס, אין דער געשיכטע פון דער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, אין דער געשיכטע פון פּאָליטישן ציוניזם, וואָס ער האָט געשאַפן און באַגרינדעט. זיין אידייע, וואָס ער האָט געבראַכט צום אויסדרוק אין ווערק „יידנשטאַט" איז אַן אונשטערבליך ווערק, אַ ווערק פון אינספּיראַציע און גייסטיקע דער־מוטיקונג. דער נאָמען דר. טעאָדאָר הערצל איז אומצוטיילבאַר מיט דער געשיכטע פון ציוניזם, מיט דער געשיכטע פון יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק, און מיט דער געשיכטע פון יידישער אומאָפּהענגיקער שטאַטליכקייט.

דעם 25טן יאַנואַר 1949 איז צום ערשטן מאָל פאָרגעקומען אַלגעמיינע וואַלן צו דער כנסת, דאָס הייסט צום יידישן פּאַרלאַמענט. אַלע ציטוויילעקע פאַרמען זענען איבערגעגאַנגען צו סטאַבילע, נאָרמאַלע פאָרמען פון שטאַטליכן לעבן, וואָס ווערט רעגולירט דורך דער געזעצגעבונג. דער ערשטער אויס־געוויילטער פּאַרלאַמענט איז געעפנט געוואָרן דעם 14טן פעברואַר 1949, דורך דר. חיים ווייצמאַן אין ירושלים, וועלכער איז קאָנסטיטוציאָנעל דערוויילט געוואָרן דעם 17טן פעברואַר אַלס ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל. דער ערשטער פּרעמיער מיניסטער איז קאָנסטיטוציאָנעל געוואָרן דוד בן־גוריון, פאַרנעמענדיק גלייכצייטיק דעם אַמט פון פאַרטיידיקונגס־מיניסטער, אָנהאַל־טנדיק די אַמטן ביז דעם 26טן יאַנואַר 1954. אין דעם טאָג האָט ער זיך צו־ריקגעצויגן פון דער מלוכה אָנפירונג און זיך באַזעצט אין שדה־בוקר מיטן ציל צו דערהויבן די גייסטיקע און נאַציאָנאַלע געפילן ביי דער יוגנט און איבערגעגעבענע צוגעבונדנקייט צו אַגריקולטור.

מדינת־ישראל איז אַ דעמאָקראַטישע מלוכה. דער ערשטער בירגער פון דער מלוכה איז דער פרעזידענט. דער היינטיקער פרעזידענט איז בן־צבי און זיין רעזידענץ איז אין דער הויפּט־שטאָט ירושלים. דער פרעזידענט איז באַרופן צו באַראַטן זיך מיט די פאַרשטייער פון די פּאַרטייען און נאָכדעם צו באַאויפטראָגן אַ מיטגליד פון דער כנסת צוזאַמענצושטעלן די רעגירונג. דער באַאויפטראָגטער שטעלט צונויף דעם קאַבינעט, וואָס דאַרף באַשטעטיקט ווערן דורך דער כנסת. זייט דעם 26טן יאַנואַר 1954 איז דער באַשטאַנד־טייל פון דער רעגירונג פאָלגענדער:

מיניסטער פאַרטפעל	נאָמען פון מיניסטער	פּאַרטיי
פּרעמיער און אויסערן	משה שרת	מפא״י
פאַרטיידיקונג	פּנחס לבן	מפא״י
פינאַנץ	לוי אשכול	מפא״י
האַנדל און אינדוסטריע	פּרץ בערנשטיין	אַלגעמיינע ציוניסטן
אַגריקולטור	פּרץ נפתלי	מפא״י
אַרבעט	גאָלדע מייערסאָן	מפא״י
אַנטוויקלונג	דוב יוסף	מפא״י
בילדונג און קולטור	בן־ציון דינור	מפא״י
רעליגיע און געזעל־שאַפטלעכע שוץ	משה שאַפּיראָ	הפועל המזרחי
געזונטהייט	יוסף סערלין	אַלגעמיינע ציוניסטן
אינערן	יצחק רוקח	אַלגעמיינע ציוניסטן
יוסטיץ	פּנחס ראָזען	פּראָגרעסיווע
פּאָליציי	שלום שיטרעט	מפא״י
קאָמוניקאַציע	יוסף סאַפּיר	אַלגעמיינע ציוניסטן
פּאָסט	יוסף בורג	הפועל המזרחי
אָן אַ פאַרטפעל	זלמן אראַן	מפא״י

דער טאָג פון דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה איז אַ טאָג פון אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב כאַראַקטער און ווערט געפייערט אין מדינת־ישראל און אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

מדינת ישראל אַלס יידישע נאַציאָנאַלע מלוכה האָט דערהויבן דעם יידישן פּרעסטיזש אין אַלע לענדער אין דער וועלט. עס שטאַרקט זיך דער נאַציאָ־נאַלער באַוואוסטזיין און עס איז אַ דראַנג ביי דער יוגנט צו יידישן וויסן און יידישער קולטור.

צ ו ו י י ט ע   ט י י ל

ביאָגראַפיע

פופציק יאָר געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן

מיין פאַמיליע

לידער

אינהאַלטס פאַרצייכנים

ביאָגראַפיע

איך בין געבוירן געוואָרן אין כערסאָן, רוסלאַנד, אין יאָר 1882 ביי אונ־פאַרמעגלעכע עלטערן. מיין פאָטער ע״ה האָט געהייסן ישראל און איז געווען אַ שניידער. צוליב זיין שוואַכן געזונט צושטאַנד האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן אין דאָרף קאַפאַניס, 35 וויאָרסט פון כערסאָן. אונזער פאַמיליע איז באַשטאַנען פון 7 קינדער.

מיין פאָטער איז זייער יונג געשטאָרבן און דעריבער איז די גאַנצע לאַסט פון אויפהאַלטן די משפחה געפאַלן אויף מיין קראַנקער מאַמע. מיין עלטערער ברודער, נחום לייב, וואָס איז דעמאָלסט אַלט געווען 16 יאָר, פלעגט ארויס־העלפן דער מאַמען צו פאַרזאָרגן די הונגעריקע קינדער.

אין דאָרף זענען געווען עטלעכע יידישע משפחות און ווי דער שטייגער איז דעמאָלסט געווען, האָט מען דאָרט אויסגעהאַלטן אַ רבין צו לערנען די קינדער. דעם רבין האָט מען גערופן יהושע שוחט. ביי אים אין חדר האָט מען זייער ווייניק געלערנט, ווייל ער איז געווען אַן אַלטער און שוואַכער מאַן. ער איז מער געשלאָפן ווי געלערנט. אַ צייט שפּעטער איז אָנגענומען געוואָרן אַן אנדערער, יונגער רבי, וואָס האָט געהייסן יוסף קאָהן. ביי אים האָב איך געלערנט עברי, חומש און תהילים.

איך פלעג אָפט גיין צו די פּאַסטוכער, וואָס פלעגן זיך צוזאַמענקומען ביי אַ פייערל און בראָטן קאַרטאָפל, דערביי זינגען פאַרשידענע אוקראַיינישע לידער. איך פלעג מיט זיי מיטזינגען, דערביי פאַרגעסן אין מיין ביטערער מערכה.

צו 11 יאָר האָט מיך מיין מאַמע אָוועקגעשיקט אין דער שטאָט כערסאָן צו לערנען אַ מלאכה, דערביי פאַרדינען אויף ברויט. דער פעטער מיינער, אַ פרומער ייד, האָט געהאַלטן אַז איך בין נאָך צו יונג צו אַרבעטן, האָט ער מיך אָוועקגעשיקט אין חדר צו לערנען יידישקייט. אין דעם חדר האָב איך געלערנט חומש מיט רש״י, תנ״ך און אביסל גמרא. דער חדר אין כערסאָן אין פאַר־גליך מיטן קאַפּאַניסער, האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ הויכן לערן־אַנשטאַלט און דאָס האָט מיך באַווירקט צו לערנען מיט גרויס חשק. לאַנג לערנען אין דעם חדר איז מיר ניט געווען באַשערט, ווייל די נויט האָט מיך געצוואונגען צו גיין אַרבעטן און פאַרדינען אויף ברויט. די אַרבעטס־באַדינגונגען אין כערסאָן זענען דעמאָלסט געווען, אַז מען פלעגט אַרבעטן פון חושך ביז חושך. פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. נישט געקוקט דערויף, פלעג איך מיך אריינכאַפּן אין דער שול צו הערן דעם יאַמפּאָלער מגידס דרשות. זיינע דרשות האָבן אויף מיר שטאַרק געווירקט צוליב דער

עטישקייט פון זיין פערזענליכקייט. זיין קלאָרע און דייטלעכע אויסשפּראַך האָט שטאַרק געווירקט אויף מיין קינדערשער נשמה, וואָס האָט געבענקט און געלעכצט נאָך אַ גוט וואָרט.

אַ באַזונדער ווירקונג האָט אויף מיר אויסגעאיבט די וואַנדער אַרטיסטן־טרופּע פון די ברידער סאַבאַסאיאַס, וואָס פלעגן, פון צייט צו צייט, שפּילן טעאַטער ביי אונז אין שטאָט. די אַרטיסטן האָבן פאַנאַנדערגעשפּילט מיין פאַנטאַזיע אויך צו ווערן אַמאָל אַן אַקטיאָר. אונטער דעם איינפלוס האָב איך מיך שפּעטער אַנגעשלאָסן אין אַן אוקראַיינישער אַמאַטאָרן גרופּע צו שפּילן טעאַטער און בין געוואָרן אַ משורר אין כאָר פון דער מיקאָלאַיעווער שול אין כערסאָן. אין דער דאָזיקער שול פלעגט האַלטן דרשות דער אַמטליכער ראַבינער ד״ר. גינזבורג, וועמענס סעקרעטאַר איז געווען ישעיה פּרוגס ברודער און צוליב דעם פלעגט דער דיכטער זייער אָפט קומען אין שול. ער פלעגט זייער אָפט באַזוכן מאַיסיי אַסעפּאָוויטש און שפּילן שאַך. אַסעפּאָוויטש איז געווען דער גרעסטער בוכהענדלער אין דער שטאָט און ביי אים זיינען פאַר־קויפט געוואָרן פּרוגס ביכער. אין דער בוכהאַנדלונג האָט מיין יונגער ברודער יצחק געאַרבעט אַלס אַנגעשטעלטער. דאָס האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט פּערזענלעך צו באַקענען זיך מיטן דיכטער פרוג און לייענען זיינע ווערק. איך האָב מיך אויסגעלערנט די לידער און אויף אַלע אונטערנעמונגען וואו מען פלעגט מיך איינלאַדן, פלעג איך זיי זינגען און דעקלאַמירן.

די לידער פון ש. פרוג האָבן אויף מיר שטאַרק געווירקט און אונטער דעם איינפלוס האָב איך אַליין אַנגעהויבן שרייבן לידער און אויך שאַפן צו זיי קאָמפּאָזיציעס. מיינע לידער האָבן צירקולירט אין מיין געבורטס־שטאָט כערסאָן. באַזונדער זענען געווען פּאָפּולער די לידער: „דער מאָלער״, „דער קישעניעווער פּאָגראָם״ און די „געזונקענע שיף״.

צו 19 יאָר בין איך מאָביליזירט געוואָרן אַלס זעלנער אין דער צאַרישער אַרמיי אין יעקאַטערינאָסלאַוו. אין יאָר 1903 בין איך געשיקט געוואָרן קיין ראָסטאָוו. דאָרטן איז פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד. די מאַסן האָבן רעוואָל־טירט קעגן דער דעספּאָטישער צאַרישער מאַכט, פאַרשטענדליך בין איך געווען מיט מיין האַרצן און נשמה אויף דער זייט פון די אויפשטענדלער, אָבער געשיקט בין איך געוואָרן צו דערדריקן דעם אויפשטאַנד. צוריקקומענדיק קיין יעקאַטערינאָסלאַוו אַלס זעלנער, האָב איך אין געהיים אַנגעהויבן מיטצואַר־בעטן מיט די סאָציאַליסטישע קרייזן און זיך באַקענט מיטן דאַמאָלסט באַרימטן אַרבעטער פירער ג. סירקיס. איך האָב מיך באַטייליקט אין אַ גרויסע צאָל געהיימע מיטינגען און זיך דאָרט באַקענט מיטן קאַפּיטאַן לאַקאָמסקי פון דער אַרטילעריע. ער איז געווען אַן אָפיציר מיט אַ גרויסער מיליטערישער פונקציע

אין דער צאַרישער אַרמיי און אין דער זעלבער צייט געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע האָט ער פערזענליך אַרעסטירט דעם צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטען אין דער שטאָט פּסקאָוו.

אין יאָר 1904, בעת דער יאַפּאַנישער מלחמה, בין איך אַנטלאָפן פון רוסלאַנד און זיך באַזעצט אין ווין, עסטרייך. דאָרט האָב איך מיט נאָך עטלעכע אָרגאַניזירט אַ פאַרבאַנד פון די אַנטלאָפענע זעלנער פון דער יאַפּאַנישער מלחמה, בכדי צו שאַפן פינאַנציעלע מיטלען זיי צו דערמעגלעכן צו עמיגרירן אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט.

דאָס איז מיר געלונגען דורך דער ווינער „אַליאַנס איזראַעליט'', אַ דאַנק דעם, וואָס איך האָב זיך פאַרבונדן מיטן גרויסן יידיש־עסטרייכישן פילאַנטראָפּ באַראָן פאָן טוסיק און די פירער פון דעם אַליאַנס דר. וואַרבורג און דר. יעלינער. זייענדיק אין ווין האָב איך זיך אויך באַקענט מיט איגנאַצי דאַשינסקי, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער מאַרשאַל פון פּוילישן סיים. די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט איז אָבער שוין געווען ביי מיין פאַרלאָזן ווין נאָך קאַנאַדע. אין קאַנאַדע בין איך אָנגעקומען אין סעפּטעמבער 1904, און האָב זיך טאַקע גלייך אָנגעהויבן באַטייליקן אין דער אַרבעטער באַוועגונג און בין געוואָרן דער וויצע־פּרעזידענט פון דער שניידער יוניאָן „די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אָוו אַמעריקאַ''. אויסער דעם בין איך אַריין אין דער ליבעראַלער פּאַרטיי, וואו איך בין נאָך טעטיק ביזן היינטיקן טאָג אַלס דער פּרעזידענט פון דער עקטיוו ליבעראַל היברו אַסאָסיאיישן'', וואָס איז אַפיליאירט מיט דעם הויפּט אָפיס פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי. אַ דאַנק דעם האָב איך זיך ערוואָרבן פיל פריינט צווישן יידן און קריסטן, וועלכע איך האָב געהאָלפן דערוויילט צו ווערן צו שטאָטישע, פּראָווינציעלע און פעדעראַלע וואַלן, און דורך זיי האָב איך געקענט העלפן אַ סך מענטשן וואָס זיינען אין נויט. איך האָב מיין צייט אָוועקגעגעבן פריי און נישט גענומען באַצאָלט פאַר מיינע שתדלנות. אין יאָר 1930 בין איך באַערט געוואָרן פון דער פּראָווינציעלער רעגירונג אין קוויבעק מיטן טיטול „דזשאַסטיס אָוו די פּיס''. אין יאָר 1932 בין איך געווען געלאַדען צו אַ באַנקעט פון דער אימפּעריאַלער קאָנפערענץ אין קאַנאַדע און אויך געווען איינגעלאַדן צו אַ מיטינג פון שני למלך לאָרד בינג אָוו ווימי אין 1926, צו זיין אָפּשייד פון קאַנאַדע.

נאָך פיל יאָרן געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, האָב איך ווידער אָנגעפאַנגען צו שרייבן. געווירקט דערצו האָט דער טויט פון מיין ליבער פרוי, נאָך וועלכער מיין בענקשאַפט און ליידן זיינען געקומען צום אויסדרוק אין דער פאָרם פון לידער, וועלכע איך האָב מיט האַרציק געוויין אויסגעזונגען . . .

דאָס רוב פון די לידער האָב איך געשריבן ביי דער מאַשין אין שאָפּ. אין זיי האָב איך אַריינגעגעבן מיין צער און ווייטיק און די אַלע אַנטוישונגען פון אַ מענטשן, וואָס מאַכנדיק אַ סך הכל פון זיין לעבן האָט ער צום סוף דערזען, אַז ער האַלט נאָך ביי בראשית. די לידער מיינע האָב איך באַאַרבעט מיט פאָלקסטימלעכער מוזיק און זיי זיינען מיר אַלע האַרציק טייער, ווייל אין זיי ליגט מיין ווערט פון חלומות און מיין אייביק זוכן נאָך דעם, וואָס קען איינשטילן דעם אייביקן דורשט נאָך אמת, יושר און גערעכטיקייט.

* * *

פופציק יאָר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

פּופּציק יאָר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט

אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג „פּופּציק יאָר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט״ וויל איך ברענגען צום אויסדרוק די אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס מיט וועלכע איך בין געווען און בין פאַרבונדן פון די ערשטע טעג פון מיין קומען, ביז דעם היינטיקן טאָג. אין די אויסגערעכנטע אינסטיטוציעס האָב איך מיך דירעקט באַטייליקט, אָדער מיטגעהאָלפן אין זייערע טעטיקייטן.

די אָפּטיילונג איז ניט סתם אַ רשימה פון אינסטיטוציעס אין מאָנטרעאָל, נאָר דאָס איז דער אויסדרוק פון מיין געזעלשאַפטלעכן לעבן. פאַר די אינ־סטיטוציעס האָב איך געווידמעט מיין גאַנצע פרייע צייט און מיט מסירת נפש און איבערגעגעבנקייט און אויך מיט פינאַנציעלע מיטלען געהאָלפן אָנצופירן די טעטיקייטן.

באַמערקונג: איך בעט אַנטשולדיקונג פאַר די סאָסייטעס וואָס איך דער־מאָן ניט (דוחק אין פּלאַץ)

דער ליבעראַלער קלוב

אַנקומענדיק קיין מאַנטרעאַל, מיט פופציק יאָר צוריק, האָט שוין עקזיס־טירט דער „לאָריער היברו פּאָליטיקל קלוב", וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז יידן. דער מיטינג־האָל פון קלוב איז געווען אויף 50 סט. לאָרענס בולוואַרד (מיין סטריט). צו די אַכט טעג נאָך מיין אָנקומען קיין מאַנטרעאַל, האָב איך זיך אַנגעשלאָסן אין דעם קלוב און געהער צו אים ביז דעם היינטיקן טאָג. דער קלוב האָט פאַרשאַפט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג גרויס אַנזען, פּראַקטישן נוצן און אומגעהויערן כבוד.

די דאַמאָלטיקע אַפיסערס פון קלוב זענען באַשטאַנען פון:

דזשאָזעף מילער — פּרעזידענט; קאָלי — וויים־פּרעזידענט און א. ה. פיינבערג — סעקרעטאַר.

די מיטגלידער אין דער באָרד זענען געווען:

פּ. קאַטץ, דזש. פּ. ס. שרייבער, ח. סטיינמאַן, ד. ל. בערענשטיין, ה. מילער, א. בלומענפעלד, איזידאָר שוואַרטץ, י. פרידמאַן, אַדאָלף סטאַרק, וואַלענבערג, דזשאָזעף סטיינבערג.

דער פּרעזידענט פון קלוב, דזשאָזעף מילער, האָט אין דער ערשטער רייע זיך באַמיט, אַז וואָס מער יידן זאָלן ווערן קאַנאַדישע בירגער און מיט־ווירקן אין יידישן און אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד. ער און דזשאָזעף סטיינ־בערג זענען געווען זייער גוט באַפריינדעט מיטן דאַמאָלסטיקן זייער חשובן באַליבטן פּריים־מיניסטער סערווילפריד לאָריע.

דער ערשטער יידישער אַלדערמאַן אין מאַנטרעאַל איז אויסגעוויילט געוואָרן מר. אברהם בלומענטאַל; דער צווייטער — ל. וו. דזשייקאָבס, ק.ס.;

נאכדעם — לואי רובינשטיין, יוסף שובערט, מאַקס סיגלער, בערל שווארץ, לעווין, אַלבערט איטאַן, וויקטאָר, לואי באַס, מאַלומעד, נעט אַראַנאָף, קליגער און שלום דוד גאַמעראָף.

אַלע מיטגלידער פון ליבעראַלען קלוב צייכענען זיך אויס מיט אַ גאַנצע רייע אַקטיוויטעטן אויף פאַרשידענע געביטן פון אַלגעמיינעם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן.

אין די ראַמען פון דער קורצער אָפּהאַנדלונג וועגן ליבעראַלן קלוב איז ניט מעגלעך אַלעמען אויסצורעכענען, וועל איך מיך באַגרענעצן צו דער פּערזאָן פון לאיער ל. וו. דזשייקאָבס. אין די יאָרן 1918־1924 איז ער געוועזן קאָנסילאַר אין סיטי האַל, פאַרנעמענדיג אין די יאָרן 1921־1924 דעם אַמט פון טשערמאַן פון יורידישן קאָמיטעט פון דער סיטי אָוו מאָנטרעאַל. ער איז אַ גאָווערנאָר פון די פאַראייניקטע תלמוד־תורהס, ערן ווייס־פּרעזידענט פון „די היברו קאָנסאָמפּטיוו עיד אַסאָסיאיישאָן" מיטגליד אין עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון „מענ׳ס אַסאָסיאיישן אָוו שער השמים", ערן־פּרעזידענט פון „סקול טשילדרענס מילק פאַנד", ספּעציעלער פעדעראַלער אַטוירני אין דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס אין אָטאַוואַ און אין אַ גאַנצע רייע אינסטיטוציעס פון אַלגעמיין פעדעראַלן און לאָקאַלן כאַראַקטער.

ער איז אויך דער האָנאָרייבעל פּרעזידענט פון דער עקטיוו ליבעראַל היברו אסס׳ן אין מאָנטרעאַל ביז היינט צו טאָג.



Hon. Ernest Bertrand, C.P. C.R. P.C. K.C.

Ministre des Postes. — Postmaster General.

װעלכער איז אויך געװעזן עהרן פּרעזידענט פון דער אַקטיװ ליבעראַל אַסס׳ן.

אין יאָר 1939 איז פאַרגעקומען אַ באַנקעט לכבוד מאָריס האַרט, וואָס האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט סיי פון פּרעמיער מיניסטער, יוסטיץ מיניסטער און צו אַנדערע הויכע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין באַנקעט.

אויף דעם באַנקעט איז פאָרגעקומען אַן אויפריכטיקע און האַרמאָנישע פאַרבינדונג פון דער יידישער באַפעלקערונג צו דער ליבעראַלער רעגירונג.

איינע פון די הויכע פּערזענליכקייטן איז געווען האָנאָראַבל ערנעסט בערטראַנד.

וועגן דעם באַנקעט האָט 'דהע גאַזעט' אין מאָנטרעאַל אין איר אויסגאַבע פון מאָנטיק דעצעמבער 18, 1939 פאָלגענדעם באַריכטעט:

THE GAZETTE, MONTREAL, MONDAY DECEMBER 18, 1939

TRIBUTES TO HARTT VOICED AT BANQUET

St. Louis Member Promises to Work for Public Positions for Jews

Public recognition of Quebec's Jewish population, defence of this province's minorities, and efforts towards better labor conditions will be his principal aims in the Legislature, Maurice Hartt promised Saturday night at a banquet tendered to celebrate his election as Liberal member for St. Louis division. The public demonstration, attended by representatives of many nationalities and of several benevolent and political organizations, was under the auspices of the Active Liberal Hebrew Association.

The Jewish people are entitled to appointments to responsible positions, Mr. Hartt declared, adding that his efforts on their behalf would be patterned along the exemplary lines of his predecessor, Peter Bercovitch, K.C. Mr. Hartt thanked Mr. Bercovitch, Hon. Frank Connors, Minister without Portfolio, and Ernest Bertrand, M.P. for Laurier, for their assistance and co-operation.

Claiming that he himself owes much of his success to Mr. Bercovitch's guidance, Mr. Connors described Mr. Hartt as a worthy successor to this widely-known Jewish leader and outlined the support and co-operation he expected from the St. Louis representative on behalf of the minorities. The Irish and Jewish population in Quebec have much in common as regards liberty of thought, of action and of schools, Mr. Connors told the gathering.

Diplomacy, goodwill and common sense are worth much more than long speeches in the Legislature, Mr. Bercovitch told the guest of honor, adding that long discourses very seldom change principles being argued before the Quebec House.

Joseph Aronoff, president of the host association, was chairman of the gathering and Marcus Sperber, K.C., acted as toastmaster. Other speakers included Laurie Marks, Seymour Fargeon, Zephirin Viger, Abe Mitchell, Michael Lawler, S. J. Smiley, Nathan Shuster and Louis Bass, the latter presenting Mr. Hartt with a gift from the ladies' auxiliary of the Active Liberal Hebrew Association. Also at the head table was Mrs. Rachel Egurin, whose son, then less than 13 years of age, fought in the World War and whose grandson is today training with the Royal Air Force, Mrs. Egurin proposed the toast to Canada.

Telegrams of congratulation and regret at inability to be present were read from Premier Adelard Godbout, Hon. Ernest Lapointe, Minister of Justice, and Mayor Houde.

די מיסיס רייטשעל'ס זון הייסט
אברהם איגורין. עס איז נאך גע-
ווען א דרייצניאריקער וואלונטירער
פון מאנטרעאל, וואס הייסט רובי
גינזבורג.

'דהע גאזעט' אין מאנטרעאל פון פרייטיק יולי 29, 1938 געט איבער א
קורצן אויסצוג פון מיינע א רעדע. דער באריכט איז פאלגענדער:

THE GAZETTE, MONTREAL, FRIDAY, JULY 29, 1938.

HEBREW LIBERALS ORGANIZE NEW UNIT

Mrs. S. Lobel Heads Ladies Auxiliary—Jos. Aronoff Is President

The friendship and co-operation between Canada and the United States and the roles the respective governments are playing in cementing this goodwill were stressed last night at the well-attended annual meeting of the Active Liberal Hebrew Association of Montreal. Joseph Aronoff, J.P., emphasized this relationship in his presidential address, pointing out that such an example of mutual friendship could well be adopted in other parts of the world.

The meeting urged members of the association to obtain identity cards and support the best candidates, regardless of race or creed, at the next municipal election; accepted the platform adopted at the recent Liberal convention; endorsed the nomination of Hon. Adelard Godbout as leader, and organized what is claimed to be the first Hebrew ladies' political group.

Mr. Aronoff was elected president for a third consecutive term with B. Greenberg as vice-president; S. Kefshove as treasurer, and Albert Vallin as secretary. Lewis Freedman was named legal adviser and the board of directors includes I. Rosen, M. Rosenthal, M. Miller, W. Wohl, M. Druckman, A. Hunigman, S. Lenkorn, S. Tishler, J. Elman and D. Kogut. Honorary presidents are Ernest Bertrand, K.C., M.P., C. A. Bertrand, K.C., M.L.A., Marcus M. Sperber, K.C., and L. W. Jacobs, K.C.

קאָנפערענץ פון דער גרויסער ענגלישער אימפעריע, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָנטרעאל.

To have the honour of meeting the Delegates of the Imperial Conference

The Mayor of Montreal

requests the pleasure of the company of

G. Aronoff Esq.,

at a dinner to be given at the Windsor Hotel

on Saturday, August the twentieth

nineteen hundred and thirty-two.

7.30 p.m.
Dress informal

A reply is requested to
The Secretary to the Mayor, City Hall.

די ערשטע שניידער יוניאָן אין מאָנטרעאָל

אין סעפּטעמבער 1904, דריי טעג פאַר יום־כפור, בין איך אָנגעקומען קיין מאָנטרעאָל. איך האָב דאַמאָלט נישט געהאַט קיין שום פריינט, משפחה אָדער באַקאַנטע אין דער שטאָט.

די יידישע באַפעלקערונג אין מאָנטרעאָל האָט דאַמאָלט געציילט אַרום אַכט טויזנט נפשות. עס זענען נאָך נישט געווען קיין אָרגאַניזאַציעס, אָדער פּראָפעסיאָנאַלע פאַריינען. עס האָט נור עקזיסטירט פון שניידער פאַר אַ פרעסער לאָקאַל אונטער דעם נאָמען „קענעדיען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר״. דער פּרעזידענט פון דעם פרעסער לאָקאַל איז געווען מר. לייזוי. ער איז געווען אַן עלטערער מענטש און האָט נישט פאַרשטאַנען דעם אַרבעטערס לעבן און אויך נישט געהאַט קיין איניציאַטיוו ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די אַרבעטס באַדינגונגען פון די פרעסער אַרבעטער.

צו יענער צייט איז געווען אַ גרויסער שטראָם פון אימיגראַנטן קיין קאַנאַדע און די מערהייט האָט זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל. דאָס איז געווען אַ שטויס קראַפט צום אָרגאַניזירן אַ שניידער פאַריין. אין נאָוועמבער 1904 איז אַנטשטאַנען דער ערשטער מענער שניידער פאַריין און האָט זיך גערופן „דהע יונייטעד גאַרמענט וואָרקערס אָוו אַמעריקאַ״. דער אָרגאַניזאַטאָר איז געווען מר. לאַנדעס פון ניו־יאָרק.

די ערשטע אויסגעוויילטע אָפיסערס זענען געווען:

דזשיי מ. הערמאַן - פּרעזידענט.
דזשיי אַראַנאָף, דער שרייבער פון דעם בוך, וויס - פּרעזידענט
נייטן באַרטע - סעקרעטאַר.
ד. פליישמאַן - קאַסירער.
אין דער עקזעקוטיווע זענען געווען:
די צוויי ברידער הירשהאָרן.
ל. קאָהן.
נ. לוביש.
א. שעפּסל.

זער אַקטיוו ביים אָרגאַניזירן דעם שניידער פאַריין זענען געווען: ה. הערשמאַן, פּראַמסאַן, ל. עלשטיין, באַרסקי, רישעקאָוו און אַ גאַנצע רייע אַנדערע.

דער פאַריין האָט זיך זער שנעל אַנטוויקלט. די אַרבעטער פון די קלענערע און גרעסערע שאַפּן האָבן זיך אָנגעשלאָסן און דורך דעם פאַריין

זיך פארבעסערט די עקאנאמישע סיטואציע. עס זענען פארגעקומען א גאנצע רייע סטרייקן; קלענערע און גרעסערע. מיט די סטרייקן האט אנגעפירט דער הויפט-אפיס פון ניו־יארק. די פארשטייער פון הויפט אפיס אין מאנטרעאל זענען געווען שווייצער און אלטמאן. זיי זענען געווען זער פעייקע ארגאניזאטארן און טאלאנטפולע רעדנער.

כאראקטעריסטיש איז דער פאקט, אז אין יענער צייט פון סטרייקן איז אנטשטאנען א נייע יוניע פאריין, וואס האט זיך גערופן; 'אינדאסטריאל ווארקערס און דהע וואָרלד'. דער נייער פאריין איז געווען א שטערונג אין דעם עקאנאמישן קאמף, וואס „דהע יונייטעד גארמענט ווארקערס און אמעריקא'' האט געפירט. נאך א גאנצע רייע שטרייטונגען האט זיך דער 'אינדאסטריאל ווארקערס און דהע וואָרלד' אויפגעלעזט. אין יאר 1914 האט זיך א גרויסער טייל ארבעטער זיך אפגעריסן פון דער יונייטעד גארמענט ווארקערס און געגרינדעט די 'אמאלגעמייטעד קלאדינג ווארקערס' אין די פארייניקטע שטאטן. די אפגעשפאלטענע האבן זיך ארגאניזירט אונטערן נאמען 'אמאל-געמייטעט'. די אמאלגעמייטעט האט זיך באמיט אויסצואיבן איר איינפלוס אין מאנטרעאל. עס איז געקומען צו קאנפליקטן און דער רעזולטאט איז געווען, אז א געריכט פון דריי אונפארטייאישע ריכטער זאלן דעצידירן צו וועמען זאל זיך די מאנטרעאלער יוניאן אנשליסן. דער שרייבער פון דעם בוך איז געווען איינער פון די דריי ריכטערס. נאך לענגערע דיסקוסיעס האט דאס געריכט פון אומפארטייאישע ריכטער באשלאסן, אז 'דהע אמאלגעמייטעט טיילארס און אמעריקא' זאל זיין די יוניאן אין מאנטרעאל. דער באשלוס איז באלד אריין אין קראפט. ביז דעם היינטיגען טאג איז די 'אמאלגאמייטעד' די יוניאן און דער אויסדרוק פון דער ארגאניזירטער ארבעטערשאפט אין מאנטרעאל.

אין די שפעטערדיקע יארן, ווען עס האט זיך ארגאניזירט דער קלאק-מייקער יוניאן האב איך מיטגעווירקט אין זייער טעטיקייט דורך אויפטרעטן אויף זייערע פארזאמלונגען צוזאמען מיט חשוליום האפמאן, יוסף שובערט, אלבערט איטאן, קייזער און קלאוד זשודווא.

די עמיגראַנטן סאָסייטע פון יאָר 1905

אין יאָר 1905 איז אין דעם רעסטאָראַן פון די צוויי ברידער קאַפּעלאָוויטש אויף דאָרטשעסטער קאָרנער קעדזשע (היינט הייסט די קעדזשע סטריט דע-בולִיאָן) געגרינדעט געוואָרן די עמיגראַנטן סאָסייטע אין מאָנטרעאָל. צו דעם מיטינג זענען געקומען א גרויסע צאָל עמיגראַנטן, וואָס זענען געקומען פון א גאַנצע רייע מזרח אייראָפּעיִשע לענדער, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אין דער אַלטער היים זייערע פרויען און קינדער. דער ציל פון דער סאָסייטע איז געווען העלפן די עמיגראַנטן אַריבערצונעמען זייערע פאַמיליעס און פירן א געזעלשאַפטלעכע קולטורעלע טעטיקייט.

דער ערשטער מיטינג איז פאָרגעקומען אין עמפּייער האָל. דער האָל איז געווען אָפּסטערס איבער וואָלווירטס סטאָר אויף סיינט-קעטרין קאָרנער מיין סטריט. עס זענען דאַמאָלט אויסגעוויילט געוואָרן:

פּרעזידענט - דוד פייערסטאָן, א רומענישער ייד.

וויס-פּרעזידענט - ב. דובראָפסקי מען האָט אים גערופן מיט א צונאָמען 'קוראָפּאַטקין', ער איז געווען א שטרענג רעליגיעזער ייד און איז געווען דער חזן פאַר די עמיגראַנטן, ימים-נוראים פלעגט ער דאַווענען פאַרן עמוד. די שול איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין באַראָן דע-הירש האָל אויף בלורי סטריט.

רעקאָרדינג-סעקרעטאַר - ישראל קאַהאַן.

באָרד אָוו דירעקטאָרס:

יוסף אַראָנאָף, דער מחבר פון דעם בוך.
חיים שטיינמאַן - רעדאַקטער פון א הומאָריסטישער וואָכנשריפט 'דער האָן קרייעט', וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1905 - 1906.

טאַטאַרינסקי - אים האָט מען גערופן 'אדרעסנע סטאָל' און דאָס איז דערפאַר, ווייל די עמיגראַנטן האָבן נישט געהאַט קיין שטענדיקע אַדרעסן דעריבער פלעגט די בריוו אָנקומען צו אים און די עמיגראַנטן האָבן ביי אים אָפּגענומען די בריוו.

קאַנצונא, די צוויי ברידער מאַלוס, נייטען פרענקלין און א גאַנצע רייע אַנדערע, וועמענס נעמען איך געדענק נישט.

ביים צווייטן מיטינג זענען שוין געווען פאָרשטייער פון באַראָן דע-הירש, לאַיִען קאַהן, זיין ברודער לייזער קאַהן, דייוו פרידמאַן, ל. האַלדסטיין פון דער שיפס-קאַרטן ביוראָ, מ. ל. קאַפּלאַנסקי, א פּרינטער, ספּערבער, דער

פאטער פון היינטיקן דר. ספערבער און לאיער ספערבער, נייטן גודין, דער פאטער פון היינטיקן דר. גודין און לאיער גודין און בענדזשאמין פלארענס.

אויף דעם מיטינג איז באשלאסן געווארן איינצולאדן א פארשטייער פון דער וועלט ארגאניזאציע ׳איקא׳. דער פארשטייער איז געקומען פון פאריז און עס איז פארהאנדלט געווארן צו באצאלן צען דאלער פאר א שיפס-קארטע פאר יעדן עמיגראנט פון רוסלאנד ביז מאנטרעאל.

אין רעזולטאט פון די פארהאנדלונגען האט יעדער מיטגליד געהאט די מעגלעכקייט אריבערצונעמען זיינע פאמיליע־מעמבערס פאר 10 דאלאר א שיפס־קארטע.

די באמיאונגען זענען געקרוינט געווארן מיט דערפאלג. די סאסייטע האט געבראכט א גאנצע שיף עמיגראנטן פון רוסלאנד.

נאך דער געלונגענער אקציע האט די סאסייטע כמעט דערפילט אירע אויפגאבן און זי האט זיך אויפגעלייזט.

אייניקע מיטגלידער פון דער סאסייטע האבן געגרינדעט די שול ׳שומרים לבוקר׳.

פועלי-ציון

זיבעציק א לעבעדיקער עדות פון די יידן פארפאלגונגען אין צארישן רוסלאנד בין איך געווען באהערשט מיט די ציוניסטישע אנשויאונגען, אז אין ישראל וועלן קענען יידן לעבן מיט כבוד און ווירדע ווי אלע פעלקער אין זייערע לענדער און דערצו זייענדיק אן ארבעטער אלע מיינע יארן האב איך מיך אין 1905 אנגעשלאסן אין דער ציוניסטישער ארבעטער־באוועגונג. די דאמאלסדיקע עפאכע איז געווען די לאמאנטישע תקופה פון דער פועלי־ציון באוועגונג. אין מאנטרעאל האט זיך געפירט א גאנץ פיינע טעטיקייט. איך בין שטאלץ און באהערשט מיט גרויסע פרייד, אז די באוועגונג, די פועלי ציון, האבן אנגעפירט מיטן קאמף פאר יידישער מלוכה׳שער זעלבסטשטענדיקייט און שטייען אין דער הויפט אנפירונג פון דער יידישער מלוכה מדינת ישראל.

דער דזשענעראַל דזשואיש האָספּיטאַל

דער גענעראַל יידישער שפּיטאַל איז אַ שטאָלץ פון מאָנטרעאָלער יידנטום. אין יאָר 1929 האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמפּיין צו בויען דעם שפּיטאָל. צו יענער צייט האָט עקזיסטירט אַ פרויען גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן 'נוטעי ישראל האָספּיטל'. די אָנפירערין פון דער גרופּע איז געווען מיסיס קאַפּלאַן, וועלכע האָט זיך גערופן 'די גרינע רעביצין'. די גרופּע פרויען האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו בויען אַ יידיש שפּיטאָל. צו דעם צוועק האָבן די פרויען געזאַמלט געלט און געהאַט די סומע פון ניין טויזענט פינף הונדערט דאָלאַר. צוליב דעם, וואָס עס האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט פון די חשובסטע פּערזענלעכקייטן אין דער שטאָט צו בויען אַ יידישן שפּיטאָל האָט דער הויפּט-טשערמאַן פון קאַמפּיין מר. אַלאַן בראָנפמאַן גערופן אַ מיטינג פון דער גרופּע פרויען 'ניטעי ישראל האָספּיטאָל', אין לאָקאַל פון באַראָן דע הירש בילדינג אויף בלורי סטריט. עס האָט זיך געהאַנדלט, אַז די פרויען גרופּע זאָלן זיך אָלגעמיינעם קאַמפּיין און איבערגעבן פאַרן שפּיטאָל פּראָיעקט די געזאַמעלטע סומע פון 9,500 דאָלאַר.

דער פאַרזיצער פון מיטינג איז געווען אַלאַן בראָנפמאַן און איך דער סעקרעטאַר פון יענעם אָוונט. מר. אַלאַן בראָנפמאַן האָט געגעבן אַ דאָניישן פון 500 דאָלאַר, אַז די אַלגעמיינע סומע פון 'נוטעי ישראל האָספּיטאַל' פרויען גרופּע זאָל זיין צען טויזענט דאָלאַר.

דעם טשעק האָבן אונטערגעשריבן מיסיס קאַפּלאַן און מיסיס מאַלקאָוויטש. ווי מר. אַלאַן בראָנפמאַן האָט דערקלערט, האָט די 'ניטעי ישראל האָספּיטאַל' פרויען גרופּע געדאַרפט פאַראייביקט ווערן אין גאָלדענעם בוך פון 'דזשענעראַל דזשואיש האָספּיטל'. אויף דעם מיטינג איז אויך געווען דער סעקרעטאַר פון די ניטעי ישראל האָספּיטאַל מ. קאַפּלאַן.

אין דער אַרבעט פון דער דערמאָנטער פרויען גרופּע האָט פיל מיטגעהאָלפן דער דר. אייבי איליוויץ.

אין דער צייט פון קאַמפּיין האָב איך מיך באַטייליקט אַלס אַ קעפּטן אין דער זאָנע 25, וואָס איז געווען אונטערן טשערמאַנשיפּ פון מאַקס סיגלער, אָלדערמאַן. די מיטגלידער פון מיין טים זענען געווען:

אָלדערמאַן דוברעייל פון סיטי האָל, אַ פראַנצויז, אָלדערמאַן טאָם האָלענד פון סיטי האָל, אַ ענגלישער, מ. טשאַרנעס, ע. דובליעט, מ. דרוקמאַן, ס.גאַנטער, מר. געלפאַנד, ע. סלאָווינסקי, ס. קאַלמאַנאַש, א. סילווערמאַן, ל. ה. סאָלאָמאַן, איי. סאָלאָמאָנאָוויטש און צ. ק. ספּערדאַקאָס, אַ גריך, פּרעזידענט פון גריכישן קלוב אין מאָנטרעאָל.

די אויסגערעכנטע נעמען געפינען זיך אין גאָלדענעם בוך פון קאַמפּיין. אין יאָר 1931 האָט מען אָנגעהויבן צו בויען און אין יאָר 1934 האָט דאָס שפּיטאָל אָנגעהויבן פונקציאָנירן.

היינט איז דער דזשענעראַל דזשואיש האָספּיטאַל איינע פון די אָנגעזעענסטע שפּיטאָלן אין קאַנאַדע און דינט מיט מעדיצינישע הילף נישט בלויז יידן נור אויך אַלע עטנישע גרופּן, וואָס לעבן אין קאַנאַדע.

דאָס מאָנטרעאַלער יידנטום אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה

די ערשטע וועלט-מלחמה האָט אין דער ערשטער רייע עקאָנאָמיש רואינירט דאָס אייראָפּיישע יידנטום. יידן האָבן פאַרלוירן זייער עקזיסטענץ, געליטן נויט און פראַסט פּשוט געשטאָרבן פון הונגער און עפּידעמישע קראַנקהייטן.

בכדי צו לינדערן די נויט פון די יידן, געליטענע פון דער מלחמה, האָט זיך אין יאָר 1915 אָרגאַניזירט א 'קענעדיען דזשואיש אַליאַנס' פון די אַרבעטער מאַסן און „סיק בענעפיט סאָסייטעס'', וואָס האָט זיך גערופן „דער פאָלקס פאַרבאַנד''.

די הויפּט אָפיסערס פון פאַרבאַנד זענען געווען:

ראובן ברייניִן - פּרעזידענט,

ל. צוקער - וויִס-פּרעזידענט,

יהודה קויפמאַן - סעקרעטאַר,

דזשיי חאַבינאָוויטש - קאַסירער,

ישראל פיגלער - פינאַנס-סעקרעטאַר

דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון 15 מיטגלידער:

ישיעה בעלקין, ס. לאַפּיצקי, (טעטיק געווען אויפן געביט פון מיילאַנד), בלעקמאַן, א. אויסנאַם, איזע ראַכלענקאָ, שרה וועסטעלמאַן, חיים קייזערמאַן, נייטן חפץ, אייב זאַסאַרסקאַ, ה. באַרסקי, פאַלישוק, הערי ראַכלענקאָ, עטל בירברייער, סעם איסאַיעף, יוסף אַראַנאָף, דער שרייבער פון דעם בוך.

דער קאָמיטעט האָט איינגעפירט שוואַרצע באַקסעס, וואָס זיינען אריינגע-שטעלט געוואָרן אין די יידישע הייזער. יעדן זונטיק אין דער פרי זענען הונדערטער יונגע חברה; יינגלעך און מיידלעך זיך אַרויסגעלאָזט אין דער שטאָט

אין די יידישע הייזער אויסצולייזקן די באַקסעס און דאָס געלט אָוועקגעטראָגן צום פינאַנס־סעקרעטאַר, ישראל פיגלער.

די הילפס טעטיקייט האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט און עס איז אויסער געלט אויך געזאַמלט געוואָרן פאַרשידענע זאַכן. עס האָט זיך אויך אָרגאַניזירט אין מאָנטרעאָל א פאַרבאַנד פון אוקראַיינישע יידן, וואָס איז געווען אַקטיוו אין זאַמלען פאַרשידענע זאַכן. דער קאַמפּיין פאַר זאַכן איז באַשטאַנען אין זאַמלען: קליידער, שיך, ליכט און זייף. פאַר די אויפגעזאַמלטע זאַכן איז נויטיק געווען גרויסע פּלעצער צום פּאַקן. די צוויי ברידער יאשע און משה סינגער האָבן אומזיסט אָפּגעגעבן א גרויסן צווייטן פלאָר אין בילדינג פון אַטלאַס־פּייפּער באַקס קאָמפּאַני. דאָרט זענען געפּאַקט געוואָרן די קליידער.

די ליכט און זייף זענען געפּאַקט געוואָרן אין אַ סטאָר נעבן פּרינץ אַרטור האָל, ביים האָלסיילער לאַוואוט. זיין זון איז געווען זייער טעטיק און מען האָט אים גערופן חיים־איציק לאַוואוט.

אין דער הילפס־אַקציע האָבן פיל מיטגעהאָלפן: אברהם ל. קאַפּלאַנסקי פון באַראָן דע הירש, ל. גאָלדשטיין פון דער שיפס־געזעלשאַפט און לייאָן קאָהאָן, דער גרויסע פילאַנטראָפּ.

אויפן בילד זענען אַ טייל מענער און פרויען, וואָס זענען געווען טעטיק ביים זאַמלען און פּאַקן די קליידער און זאַכן.

אויפן בילד זענען נישט פאַראַן אַ גאַנצע רייע אַקטיווע טוער ווי: וויזענבערג, שניידער, אַרעלע וואָלאָפסקי, אַקסעלראָד, צדוק, אַבראַמאָוויטש, באָדער, מאַראַם, מיס רחלע ראַגאַטקע, ה. פּראַדקין, יוסף איידעלבערג, צבי רייזלער און משה דיקשטיין.

עס זענען אויך געווען ספּעציעלע טעטיקייטס ראַיאָנען. צום ביישפּיל: אין ראַיאָן אַמהערסט פּאַרק זענען געווען טעטיק יודל אַלבערט, אי. באַרדען מיט זיין פרוי, סערע סעלפּמאַן, סאָניאַ פיגלער, ראָוז רייטער, משה וועסטעלמאַן, די צוויי חשוב׳ע ברידער שמאַיע ריטשלער און דזשייק ריטשלער, וואָס האָבן אַ טייל פון זייער לעבן אָוועקגעגעבן פאַר די ניי געקומענע.



ערשטע רייע, פון רעכטס צו לינקס: מאנע שטיינבערג, יוסף אַראַנאָוו, דער מחבר פון בוך, אַ קאַסטן מיט געפּאַקטע זאַכן, בלעקמאַן, לעווין.

אין דער צווייטער רייע זיצן: סטראַסעלסקא, מיסיס ראַשעווסקי, מעלעטץ, באַראַנאַווסקי, אַרטענבערג, ראַשעווסקי, קלאַראַ לעוויט, מיסיס סאַלאַמאַן, בנימין גינזבורג, יאַסל דוואַסקין, עפּשטיין, ל. צוקער, א. אַסנאַס, סטעלאַ איגרין, ענע איגרין, אייב אַבראַמסאַן, מאַקס אַקון און זיין פרוי סערע אַקון, שמואל יעיעץ און זיין פרוי בעטי יעיעץ. די איבעריקע נעמען פון די אַנטייל־נעמער אין געמיינזאַמען בילד קען איך מיך נישט דערמאַנען.

אין דעם ראיאָן פּעפּעניו זענען געווען טעטיק: שמואל און זיין פרוי ברײנע קאַפּשאַוו, דוד און זיין פרוי שיינדל דריבען, ישראלעק קאַהאַן, ביגמאַן, מיסיס מאַלקאַוויטש, מיסיס סאַרקין, מיסיס לויפּערמאַן, לאה ברײלאַפּסקי, מיין ברודער איסאַק אַראַנאַף מיט זיין פרוי קאַטיע, אשר קליגמאַן, יעקב קרייטשמאַר, יהודית מיט איר מאַן חיים גאָלדבערג, יוסף ניבעק און אוריאל הערמאַן, ווי אויך קיווע טאַראַזשנאַנסקי.

די אויבנדערמאַנטע טוער אין פּעפּעניו האָבן אין זייער האַל איינגעאָרדנט אַן אכסניא אין וועלכע די נייע אימיגראַנטן האָבן באַקומען צו עסן און אַ געלעגער צום שלאָפן.

מיר זענען געווען אָנגעשלאָסן צו דער פּיפּעלס רעליעף פון אַמעריקע.

ועד העיר

דער ועד העיר איז געגרינדעט געווארן דעם 17 דעצעמבער 1922 און איז א פאלקסטימלעכע דעמאקראטישע קערפערשאפט. יעדעס יאר קומען זיך צונויף די פארשטייער פון די שולן, פראטערנאלע סאסייטעס, קולטור און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס אויף א יערלעכע קאנפערענץ, הערן אויס באריכטן פון אלע אקטיוויטעטן פון ועד און דערוויילן א קאונסיל, וואס פירט אן מיט דעם ועד פארן קומענדן יאר.

דער מאנדאט פון דער מאנטרעאלער יידישער קהילה צום ועד איז צו קאנטראלירן און אכטונג געבן איבער שחיטה און כשרות און אין דער זעלבער צייט אויך טאן אנדערע נויטיקע ארבעטן לטובת הקהילה און יהדות.

דער ועד העיר פירט אן מיט א ׳משפט השלום׳, דעם יידישן ארביטריישן געריכט, פירט אן מיט דעם ׳עזרת-תורה׳ פאנד צו העלפן תלמידי הכמים מעבר לים, פירט אן מיט דעם ׳כל־נדרי׳ אפיל און גיט אויפזיכט איבער די זאמלונגען פאר דעם ׳ישוב הישן׳ אין ישראל.

דער ועד העיר סובסידירט די יידישע דערציאונג אנשטאלטן און הילפס-אינסטיטוציעס.

דער ועד העיר האט אנגעפירט 18 יאר מיטן כל-נדרי אפיל. אין לויף פון די 18 יאר האט דער שרייבער פון די שורות זיך באטייליקט אין די אפילן דורך אויפטרעטן אין די שולן מיט רעדעס יום־כפור צו כל נדרי.

The late Venerable Chief Rabbi Hirsh Cohen, founder of "Ezrath Torah" 5677 (1917) in whose sacred memory this fund is continued.



רבי הירש קאָהען ע״ה.

מיט גרויס דרך ארץ דערמאָן איך דעם ערשטן יושב ראש פון ועד הרבנים, וואָס האָט אַ האַלב-יאָרהונדערט פאַרנומען דעם הויכן אַמט אין מאָנטרעאל. עס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסער כבוד צו זיין מיט אים אין אַ שטענדיקער פאַרבינדונג.

דער יידישער קאָנגרעס אין קאַנאַדע

דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1919 און האָט עקזיסטירט ביז דעם יאָר 1922. אין די יאָרן פון 1922 ביז דעם יאָר 1934 האָט ער צוליב פאַרשידענע סיבות נישט געפירט קיין טעטיקייט. פון יאָר 1934 האָט ער באַנייט זיין טעטיקייט און פון דאַמאָלסט אָן איז ער דער פאַקטישער אויסדרוק פון קאַנאַדישן יידנטום.

די הויפּט אַקטיוויטעטן פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס איז צו שטיין אויף דער וואַך פון די יידישע אינטערעסן, אָנהאַלטן דעם קאָנטאַקט פון די קלענערע און גרעסערע יידישע ישובים אין קאַנאַדע, שאַפן גוטע באַציאונגען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און אַלע אַנדערע עטנישע גרופּן, אָרגאַניזירן און אָנפירן מיטן יידישן שול־וועזן, קולטור - לעבן, העלפן די הילפס, אינסטי־טוציעס צו פירן זייער טעטיקייט, העלפן און זאָרגן פאַר יידישע עמיגראַנטן.

דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס איז אָנגעשלאָסן אין יידישן וועלט קאָנגרעס און דערפאַר געהערן צו זיינע אויפגאַבן אויך פּראָבלעמען פון אַלגעמיינעם יידישן כאַראַקטער און נעמליך; פּראָבלעמען וועגן מדינת ישראל און מיטהעלפן די יידישע ישובים אין דער גאַרער וועלט דורך פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן איינפלוס.

דער ערשטער פּרעזידענט פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס אין די יאָרן 1922 - 1919 איז געווען לייאָן קאָהען, דער צווייטער אין די יאָרן 1937 - 1934 - ס. וו. דזשייקאָבס און זייט דעם יאָר 1939 איז פּרעזידענט סאַמועל בראָנפמאַן.

דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס האָט זיין הויפּט־אָפיס אין מאָנטרעאָל און האָט זיינע רעגיאָנאַלע אָפיסעס אין טאָראָנטאָ, וויניפּעג, עדמאָנטאָן, האַליפאַקס און וואַנקוווער.

Young Hebrew Malbish Arumim Society

Organized 1906

OFFICERS 1955

Mr. A. Ostroff, Hon. President
Miss Sarah Miller, Hon. Sec'y.

Israel Dacks, President
Mr. Jack Blumenthal, Vice-Pres.
Mr. Joseph Wiseblatt, Vice-Pres.
Mr. Samuel Grosser, Vice-Pres.
Mrs. A. Erdle, Vice-Pres.
Mrs. A. Silver, Vice-Pres.
Mrs. M. Lazanik, Rec. Sec'y.
Mrs M. Singer, Treasurer
Mrs. B. Weinman, Exec. Sec'y.

The Hebrew Consumptive Aid Association

Organized 1906

OFFICERS 1954

Jack R. Bogante, Q.C., President
S. Caplan, Vice-President
M. Cohen, Vice-President
B. Goldberg, Vice-President
J. Retter, Vice-President
Mrs. J. Issen, Vice-President
Mrs. J. Susser, Vice-President
Mrs. A. Weiskop, Vice-President
Mrs. H. Zrill, Vice-President
S. Solomon, Treasurer
M. Scherer, J.P., Hon. Fin. Sec'y.
Mrs. H. Weintrub, Recording Sec'y.
T. Batshaw, Trustee
N. Frankel, Trustee
Mrs. M. Makarovsky, Trustee
Miss M. Ratner, Trustee
S. Schlossberg, Trustee
Mrs. D. Tesher, Trustee

MEDICAL BOARD

Dr. H. E. Burke
Dr. S. Eidlow
Dr. Jos. Kaufmann
Dr. D. Mendel
Dr. F. Learn Phelps
Dr. H. A. Sinclair

Hebrew Ladies Relief Society of Montreal

Organized 1908

OFFICERS 1954

Organizer:
Mrs. Sourkes

